# דער
# פרשה קוואל

צוזאמען גענומען
פון די שמועסן פון

מורינו הגה"צ
**רבי אברהם אלימלך בידרמן** שליט"א

וירא

מכון
באר האמונה

בס"ד

# דער פרשה קוואל


פאר קאמענטארן און הערות:
mail@derparshakval.com
718.484.8136

פאר גרעסערע באשטעלונגען (USA):
Wholesale@BeerEmunah.com


*באקומט די גליונות וועכענטליך אין אייער אימעיל בחינם*

## זיך איינצושרייבן

לשה"ק
**באר הפרשה**
subscribe+subscribe@beerhaparsha.com

אידיש
**דער פרשה קוואל**
yiddish+subscribe@derparshakval.com

אנגליש
**Torah Wellsprings**
Torah+subscribe@torahwellsprings.com

היספאניש
**Manantiales de la Torá**
info+subscribe@manantialesdelatora.com

פראנצויזיש
**Au Puits de La Paracha**
info+subscribe@aupuitsdelaparacha.com

איטאליעניש
**Le Sorgenti della Torah**
info+subscribe@lesorgentidellatorah.com

רוסיש
**Колодец Торы**
info+subscribe@kolodetztory.com


**ארה"ב:**
Mechon Beer Emunah
1630 50th St, Brooklyn NY 11204
718.484.8136

**בארה"ק:**
מכון באר האמונה
רח' דובב מישרים 4/2
עיה"ק ירושלים תובב"א
025 688 040

**יו"ל ע"י מכון באר אמונה**



© 2026 כל הזכויות שמורות להמכון

עס איז נישט ערלויבט איבערצודריקן אויף קיין שום צורה ואופן, אויף צו פארקויפן אדער פארשפרייטן פאר אייגינע אינטערעסן אן שריפטליכע ערלויבעניש פון די מכון

# אינהאלט

## פרשת וירא


כי על כן עברתם - דער וואס האט אמונה, איז קיינמאל נישט 'פארבלאנדזשעט' ............... ד

היפלא מה' דבר - א איד טאר זיך קיינמאל נישט מייאש זיין ................. ח

ושמרו דרך ה' לעשות צדקה - טוהן חסד און 'גוטע מידות' איז דער הויפט יסוד ........ יד


**ספה"ק בת עין**

... **וְנוּכַל לוֹמַר שֶׁזֶּהוּ הַטַּעַם שֶׁאַבְרָהָם נָטַל עֵצָה מִמַּמְרֵא** אונז קענען זאגען אז דאס איז די טעם פארוואס אברהם אבינו האט גענומען א עצה אויף די מצוה פון מילה פון ממרא, **הֲגַם שֶׁבְּוַדַּאי הָיָה מוּחְלָט בְּדַעְתּוֹ לַעֲשׂוֹת רְצוֹן הַבּוֹרֵא בֶּאֱמֶת בְּהִשְׁתּוֹקְקוּת עוֹז וְתַעֲצוּמוֹת רָב** און אפילו ס'איז פאר זיכער געווען באשלאסן אין אברהם'ס געוויסן צו טאהן באמת די ווילען פון באשעפער מיט א גרויסע כח און א שטארקע גלוסטונג, **וּלְקַיֵּם מִצְוַת מִילָה כַּאֲשֶׁר צִוָּה אוֹתוֹ אֱלֹהִים** און צו מקיים זיין די מצוה פון מילה אזוי ווי דער אייבישטער האט אים געהייסען, **וְכָל הַמְּנִיעוֹת נֶחְשָׁבִים כְּאַיִן נֶגֶד אַהֲבַת ה' אֲשֶׁר בְּלִבּוֹ כְּרִשְׁפֵּי אֵשׁ** און אלע שטערונגען און אפהאלטונגען איז ביי אים געווען גערעכנט אזוי ווי גארנישט אנטקעגן די ליבשאפט צום באשעפער וואס האט געברענט אין זיין הארץ ווי פלאמען פייער, **וּמַיִם רַבִּים לֹא יוּכְלוּ לְכַבּוֹת אֶת הָאַהֲבָה הָאֲמִיתִּית שֶׁבְּלִבּוֹ** און אסאך וואסער וואלטען נישט געקענט אויסלעשן די אמת'דיגע ליבשאפט וואס איז דא אין זיין הארץ, **אֲפִילוּ כְּשֶׁלֹּא יִהְיֶה מַמְרֵא בַּעַל הָעֵצָה מַסְכִּים עַל זֶה** און אפילו אויב ממרא דער בעל העצה וואלט ווען נישט מסכים געווען צו די מצוה פון מילה. **וְהָרְאָיָה מֵאוּר כַּשְׂדִּים שֶׁהָיָה לוֹ מְסִירוּת נֶפֶשׁ מַמָּשׁ** און א ראיה האסטו פון אור כשדים וואס אברהם אבינו האט געהאט מסירות נפש און געווען גרייט זיך צו לאזן הארגענען, **וְלָמָּה הָיָה לוֹ לִשְׁאוֹל עֵצָה בְּדָבָר שֶׁצָּרִיךְ לְקַיְּמָהּ וּבָרוּר אֶצְלוֹ שֶׁבְּוַדַּאי יְקַיְּמֶהָ** און פארוואס דא ביי די מצוה פון ברית מילה האט אברהם אבינו געדארפט נעמען א עצה פון ממרא אין א זאך וואס ער דארף מקיים זיין און אברהם איז דאך געווען זיכער ביי זיך אז ער וועט עס מקיים זיין.

**אֶלָּא אַף עַל פִּי כֵן נָטַל עֵצָה מִמַּמְרֵא** אבער פון דאס וועגן דאך האט אברהם גענומען אויף דעם א עצה פון ממרא, **בִּכְדֵי לְהַכְנִיסוֹ לִבְחִינַת קְדוּשָּׁה תַּחַת כַּנְפֵי הַשְּׁכִינָה** כדי אריינצוברענגען ממרא צו די פליגלען פון די קדושה. **וְזֶהוּ הָיָה עַל יְדֵי בְּחִינַת חָכְמָה** און דאס איז געווען דורך די בחינה פון 'חכמה', **כֹּחַ–מָה** וואס די ווארט 'חכמה' ווערט צוזאמגעשטעלט פון די צוויי ווערטער 'כח - מה', **שֶׁהָיָה שָׁפָל בְּעֵינָיו בֶּאֱמֶת** וואס אברהם אבינו האט זיך באמת געהאלטען קליין אין זיינע אויגען, **וְהָיָה מַשְׁפִּיל עַצְמוֹ מִפְּנֵי הַכֹּל לְהַקְרִיבָן וּלְהַכְנִיסָן תַּחַת כַּנְפֵי הַשְּׁכִינָה** און ער האט זיך קליין געמאכט פאר א יעדן איינעם (און געפרעגט א יעדן א עצה) כדי זיי צו מקרב זיין און אריינברענגען אונטער די פליגלעך פון די קדושה, **וּלְפַרְסֵם אֱלָהוּתוֹ יִתְבָּרַךְ שְׁמוֹ שֶׁהוּא הַמְּחַיֶּה וּמְהַוֶּוה** און צו פארשפרייטען די געטליכקייט פונעם באשעפער וואס ער גיט און ער האלט ביים לעבן, **וּלְהַטְעִימָן מִנּוֹעַם זִיווֹ וַהֲדָרוֹ** און זיי צו געבן צו שפירן פון די טעם און זיסקייט פון השי"ת שיין און שיינקייט, **אֲשֶׁר כָּל הָעוֹלָם וְחֶמְדּוֹתָיו** וואס די גאנצע וועלט און אירע גלוסטינגען, **כְּגַרְגִּיר חַרְדָּל וּבְטֵלִים בִּמְצִיאוּת נֶגֶד נוֹעַם זִיו וְהַדְרַת כְּבוֹד ה'** איז נישט מער ווי א קליינע פעפער און זענען בטל במציאות אקעגן די זיסקייט און שיינקייט פון די כבוד פון באשעפער... **(פרשת וירא, ד"ה וירא אליו)**


תשו"ח להוצאת "גליון בת עין" באידיש

סדר ועימוד: **א.י.ש. אשדוד** shwrtz@bezeqint.net

# פרשת וירא

**כי על כן עברתם - דער וואָס האָט אמונה, איז קיינמאָל נישט 'פאַרבלאָנדזשעט'**

**מיר** לייענען אין דער היינטיגער פרשה (יח, ה) אברהם אבינו ע"ה האָט געזאָגט צו זיינע געסט די מלאכים, 'וסעדו לבכם אחר תעבורו, כי על כן עברתם על עבדכם' וגו'.

**דאַרף** מען פאַרשטיין וואָס ער האָט געזאָגט 'כי על כן עברתם'. איז דען דאָס געווען די סיבה פאַרוואָס זיי זענען פאַרביי געגאַנגען אברהם'ס הויז, כדי ער זאָל זיי געבן צו עסן? (זע רש"י).

**ענטפערט** דער 'שם משמואל' (וירא תרע"ז, ד"ה 'כי'), ווייל דער פסוק זאָגט (תהלים לז, כג) 'מה' מצעדי גבר כוננו ודרכו יחפץ'. דער אויבערשטער פירט דעם מענטש ביי יעדן טריט און שריט וואָס ער מאַכט. אַלעס כדי עס זאָל מקוים ווערן די כוונה און דער רצון פון דעם אויבערשטען[א]. אויך ווען עס דאַכט זיך פאַר דעם מענטש אַז ער גייט ערגעץ צוליב אַ געוויסע מטרה וואָס ער וויל דערגרייכן, איז אָבער דער אמת, אַז אַלעס איז מיט אַ חשבון אויף יעדן פרט און פרט. דער מענטש גייט אַהין אויף יענעם אָרט, נאָר ווייל אַזוי האָט דער באַשעפער באַפוילן.

---

**א.** דער גאון רבי מרדכי פּאָגראָמאַנסקי זצ"ל, איז אַמאָל אַרויסגעפאָרן מיט'ן באַן אין באַגלייטונג פון אַ באַקאַנטן מוהל פון מינסק (וואָס מ'האָט געברענגט קיין קאָוונע, רבי מרדכי'ס היימשטאָט, צו מל'ען אידישע קינדער). פאָרנדיג, האָבן זיי געבלאָנדזשעט ווען זיי האָבן פאַרגעסן אַראָפּצושטייגן פון דער באַן אין צייט, האָבן זיי געדאַרפט פאָרזעצן אויפ'ן וועג מיט'ן באַן, וועלכע האָט זיי געפירט צו אַ שטאָט וואָס זיי האָבן נישט געקענט. האָט רבי מרדכי זיך אָנגערופן צו דעם מוהל:

- דער פסוק זאָגט (פרשתינו, כא, יד) 'ותלך ותתע במדבר באר שבע'. זאָגט רש"י, אַז הגר האָט זיך צוריקגעקערט צו די עבודה זרה'ס פון איר טאַטע'ס הויז. דאַרף מען לכאורה פאַרשטיין, דער פסוק זאגט נאר אז זי האט 'געבלאָנדזשעט' און איז צוריקגעגאנגען קיין באר שבע, פון ווי האט רש"י געזען אין פסוק אַז זי האָט זיך געוואָלט אומקערן צו די עבודה זרה'ס פון איר פאָטער'ס הויז?

- נאָר וואָס דען - האָט רבי מרדכי פאָרגעזעצט וויבאַלד זי האָט 'געבלאָנדזשעט', איז אַ סימן אַז זי האָט נישט געהאַט די נויטיגע אמונה, ווייל **דער וואָס גלייבט אין דעם אויבערשטען, שפירט זיך קיינמאָל נישט 'פאַרבלאָנדזשעט'**, ווייל ער ווייסט אַז וואו ער וועט נאָר אָנקומען, געפינט זיך דאָרט דער באַשעפער, און ער האָט אים אַהין געברענגט. וועגן דעם, ווען דער פסוק זאָגט אַז הגר האָט 'געבלאָנדזשעט' אויפ'ן וועג, ווייזט עס אַז זי האָט פאַרלוירן די אמונה וואָס זי האָט געהאַט ווען זי האָט געוואוינט אין אברהם'ס הויז, און זי איז צוריקגעגאַנגען צו די עבודה זרה'ס פון איר טאַטנ'ס הויז, ווייל **דער וואָס גלייבט בלאָנדזשעט נישט** (ענליך ווערט געברענגט אין נאָמען פון קאָצקער רבי'ן זי"ע).

ווען רבי מרדכי האָט געענדיגט זיינע ווערטער, איז זיי אַנטקעגן געקומען אַ איד וואָס האָט געזוכט אַ מוהל, וואָס זאָל מל'ען זיין ניי-געבוירענעם יונגעלע. דאַן האָבן זיי געזען קלאָר, אַז אַ איד בלאָנדזשעט קיינמאָל נישט... נאָר דער אויבערשטער האָט זיי אַהער געפירט מיט אַ שליחות צו מל'ען אַ אידיש קינד אין אַ ווייטן אָרט (קונטרס 'גדולת מרדכי', ביים סוף פון ספר 'שיח יוסף', ע' כ').

### מן הבאר

על דרך צחות, דער באַשעפער איז דאָך דער 'כל יכול', ס'איז נישט דאָ אַ זאַך אויף דער וועלט וואָס ער קען נישט טוהן, אויסער איין זאַך: מאַכן אַ טעות... ס'איז נישט שייך אַ טעות כלפי שמיא ח"ו. מיר דאַרפן גלייבן אַז עס איז נישט דאָ קיין שום 'טעות', און מ'קען נישט זאָגן אַז מ'געפינט זיך דאָ 'סתם', אָן אַ סיבה...

**דאָס** איז די כוונה פון פסוק, 'מה' מצעדי גבר כוננו ודרכו יחפץ'. אויך אויב עס איז געוועזן דער וועג פונעם מענטש לויט ווי עס דאַכט זיך אים אַז ער וויל גיין דאָרט, איז אָבער דער אמת, 'מה' מצעדי גבר כוננו'[ב]. דער אויבערשטער האָט צוגעגרייט דעם וועג וואו ער זאָל גיין.

**און** דאָס האָט אברהם אבינו ע"ה געזאָגט צו די דריי מלאכים, וואָס האָבן אויסגעזען אין זיינע אויגן ווי אַראַבער, איר מיינט אַז איר גייט אויף אַ געוויסן אָרט ווייל אַזוי ווילט איר גיין. דער אמת איז אָבער, אַז איר גייט אַהין נאָר ווייל אַזוי איז דער רצון פון באַשעפער, וואָס ער האָט אַריינגעגעבן אין אייך דעם באַגער דורכצוגיין מיין הויז, כדי איך זאָל דורך אייך זוכה זיין מקיים צו זיין די מצוה פון הכנסת אורחים. ווייל דער אויבערשטער האָט געזען אַז איך האָב צער פון דעם וואָס עס זענען נישט געקומען געסט צו מיין הויז[ג].

---

**ב.** די גמרא (סוכה נג.) דערציילט אז שלמה המלך ע"ה האָט געזען דעם מלאך המות אַז ער איז טרויעריג. ווען ער האָט אים געפרעגט וואָס עס האט פאסירט, האָט דער מלאך המות אים געענטפערט, אַז ס'איז נגזר געוואָרן אַז ער זאָל צונעמען די צוויי סופרים פונעם קעניג (שלמה), אליחרף און אחיה. האָט שלמה אַריבערגערופן די שדים און ער האָט זיי געהייסן נעמען די צוויי סופרים קיין לוז, אַ שטאָט וואו דער מלאך המות האָט נישט געקענט צונעמען די נשמות פון מענטשן. ווען די צוויי סופרים זענען אָנגעקומען צום אריינגאנג פונעם שטאט לוז, האָט דער מלאך המות זיי אָנגעכאַפּט און גע'הרג'עט. אַ טאָג שפּעטער, האָט שלמה המלך געזען דעם מלאך המות אין אַ פרייליכער שטימונג, און ווען ער האָט אים געפרעגט פאַרוואָס ער איז יעצט יאָ פריילִיך, האָט דער מלאך המות געענטפערט, אַז עס איז נגזר געוואָרן אַז ער זאָל צונעמען זייערע נשמות דווקא ביים אריינגאנג פון לוז, וואו דו האָסט זיי געשיקט. האָט שלמה המלך געזאָגט: 'רגלוהי דבר איניש אינון ערבין ביה, לאתר דמיתבעי תמן מובילין יתיה' דאָס הייסט, די פיס פון מענטש טוהען 'האַפטן' פאַר אים, און זיי פירן אים צו אַן אָרט וואו ער דאַרף צוריקגעבן זיין נשמה צום באַשעפער.

דאַרף מען פאַרשטיין, ערשטענס, פאַרוואָס האָט דער מלאך המות זיך געדאַרפט באַווייזן צו שלמה המלך אַז ער זאָל זען ווי ער איז פרייליך. גאַנץ רעכט פריער, ווען ער האָט זיי נישט געקענט אומברענגען נאָר אין דער שטאָט לוז, און ער האָט געוואָלט אַז זיי זאָלן אָנקומען אַהין, איז ער געקומען צו איבערצייגן שלמה'ן אַז ער זאל זיי אַהין שיקן, אָבער פאַרוואָס האָט ער געדאַרפט קומען צו שלמה אַ צווייטן מאָל און אים ווייזן אז ער איז פרייליך? אויך איז שווער וואָס שלמה האָט געזאָגט, **'רגלוהי'** דבר איניש אינון ערבין ביה. זיי זענען דאָן געגאַנגען מיט זייערע פיס? די שדים האָבן דאָך זיי געטראָגן קיין לוז.

איז דער תירוץ, אַז דער מלאך המות איז געקומען כדי זיך צו רייצן מיט שלמה המלך און גורם זיין ער זאָל ווערן געפאַלן ביי זיך, ווען ער האָט אים געזאָגט אַז ער (שלמה) איז שולדיג אַז זיי זענען געשטאָרבן, ווייל ער האָט דאָך זיי אַהין געשיקט קיין לוז. אויב ער וואָלט נישט געהייסן די שדים צו פירן זיי קיין לוז, וואָלטן זיי דאָך געבליבן אויפ'ן אָרט און ער וואָלט זיי נישט געקענט הרג'ענען. שלמה המלך ע"ה האָט גוט פאַרשטאַנען זיין כוונה, און דערפאַר האָט ער געזאָגט, 'רגלוהי' דבר איניש אינון ערבין ביה. **דאָס האָט נישט קיין שייכות מיט מיר, נאָר אַזוי איז נגזר געוואָרן אויף זיי פון הימל!** אויב ער וואָלט נישט באַפוילן פאַר די שדים זיין אַהין צו פירן, וואָלטן **זיי צום סוף סיי-ווי אָנגעקומען אַהין מיט זייערע פיס**, ווייל די פיס פונעם מענטש פירן אים... נישט ווי מענטשן זאָגן אַמאָל, אַז יענער איז אומגעקומען ווייל ער איז אַריבערגעגאַנגען די גאַס און אַ קאַר האָט אים אַראָפּגעקלאַפּט. ניין, נאָר וויבאַלד ס'איז אויף אים נגזר געוואָרן אומצוקומען אין אַן עקסידענט רח"ל, וועגן דעם האָט מען פון הימל אים געפירט אַהין וואו דער קאַר איז אַדורכגעפאָרן.

דער 'דברי ישראל' זאָגט (פ' בשלח), אַז מיר דאַרפן באמת גלייבן אַז ס'איז נישט דאָ אַזאַ זאַך ווי אַ 'צופאַל' אויף דער וועלט, נאָר אַלעס איז מיט אַ השגחה פרטית פון באַשעפער, און אַלעס וואָס קומט פאָר אויף דער וועלט, אַפילו די לייכטסטע באַוועגונג, און אַפילו די טריט פון זיינע פיס, זענען 'אָפּגעציילט' דורך די השגחה פרטית, און אַפילו 'צען טויזנט טריט' פונעם מענטש זענען מיט השגחה פרטית, ווי מיר מאַכן יעדן טאָג די ברכה 'המכין מצעדי גבר', עיי"ש.

**ג.** אַ חסיד האָט זיך אַמאָל אָפּגערעדט פאַר'ן גערער רבי'ן, הרה"ק בעל 'אמרי אמת' זי"ע, איבער זיין מצב, אַז ער האַנדלט מיט פעל, קויפנדיג פעל פון אַ גרויסער פאַבריק אין בערלין, פון וואָס ער פאַרדינט שפּעטער שיין

**דאָם** האָט אברהם אבינו ע"ה געזאָגט צו זיי, 'וסעדו לבכם אחר תעבורו, כי על כן עברתם מעל עבדכם'. איר זענט פאַרביי געגאַנגען מיין הויז נאָר צוליב דער דאָזיגער סיבה, כדי איר זאָלט עסן ביי מיר[ד].

---

פרנסה ביים פאַרקויפן די פעלן. אָבער יעצט האָט ער באַקומען אַ בריוו פון די פאַבריקאַנטן, וועלכע זענען אויך געווען אידן, אַז פון יענעם חודש און ווייטער, וועלן זיי אים מער נישט שיקן קיין פעל. האָט דער 'אמרי אמת' געפרעגט, אויב ער טראַכט אַז ער (דער רבי) קען אים מיט עפעס העלפן. דער חסיד האָט אָבער נישט געהאַט קיין ענטפער דערויף, נישט זענענדיג מיט וואָס דער רבי קען אים בעצם העלפן אין דעם פראָבלעם. האָט דער 'אמרי אמת' אים געזאָגט: 'איך קלער אי"ה צו פאָרן מיט מיין שוואָגער און מחותן, דער בענדינער רב, קיין מאַרינבאַד. אויפ'ן וועג פאָרט מען דורך בערלין, פרעג אַלזאָ ביי מיין שוואָגער, אויב ער איז מסכים אַז מיר זאָלן אַריינפאָרן אין שטאָט און באַזוכן דאָרט ביי די פעל-פאַבריקאַנטן וועגן דיין ענין. איז דער חסיד געגאַנגען צום בענדינער רב, וועלכער האָט באַלד מסכים געווען זאָגנדיג, אַוודאי וועל איך טוהן וואָס דער רבי וויל טוהן, און אַזוי זענעןביידע שוואָגערס, דער גערער רבי און דער בענדינער רב, אָנגעקומען אין דער פאַבריק אין בערלין.

ווען זיי האָבן באַגעגענט איינעם פון די אייגנטימער פון דער פאַבריק, האָט דער 'אמרי אמת' גענומען דאָס וואָרט, און געזאָגט: מיין נאָמען איז אברהם מרדכי אַלטער, אין פוילן רופט מען מיך דער גערער רבי, און דאָס איז מיין שוואָגער, דער רב פון בענדין, וואָס מיר זענען אויך מחותנים...

הערנדיג דעם רבינ'ס ווערטער איז דער פאַבריקאַנט אויפגעשפרינגען פון אָרט, און געבעטן דעם גערער רבי'ן איבערצוזאָגן נאָך אַמאָל זיינע ווערטער, און דער 'אמרי אמת' האָט איבערגעזאָגט דאָס פריער-געזאָגטע. דער פאַבריקאַנט איז אויפגעשפרינגען פון אָרט אין איבערראַשונג, און ער האָט צוגערופן זיין שותף, און געבעטן דעם רבי'ן ער זאָל איבערזאָגן זיינע ווערטער אויך פאַר זיין שותף. ווען דער 'אמרי אמת' האָט געענדיגט איבערזאָגן זיינע ווערטער צום דריטן מאָל, אַז ער איז דער גערער רבי און ער איז דאָ מיט זיין שוואָגער און מחותן דעם בענדינער רב, האָבן די צוויי שותפים זיך אָנגעכאַפּט און אָנגעהויבן טאַנצן פאַר שמחה... דאָס האָט אַרויסגערופן וואונדער ביים גערער רבי'ן, אָבער זיי האָבן אים באַלד ערקלערט, אַז זיי זענען שוואָגערס, און שוין אַ לאַנגע צייט פּרובירט אַ 'שדכן' אַדורכצופירן אַ שידוך צווישן ביידע משפחות, אָבער זיי קענען נישט באַשליסן צי עס איז פּאַסיג און ראוי אַז צוויי שוואָגערס זאָלן זיך משדך זיין... 'דאָס האָט געברענגט אַ שטיקל דערווייטערונג צווישן אונז, און מיר האָבן נישט געקענט געהעריג פירן ווייטער צוזאַמען דער פעל-פאַבריק, ווייל די פאַבריק געהערט צו אונז ביידע. מיר האָבן שוין אַפילו אָפּגעשמועסט אויפצוגעבן אונזער שותפות, און צעטיילן די פאַבריק צווישן ביידע פון אונז. אָבער יעצט, אַז מיר זעען אַז אויך דער גרויסער גערער רבי האָט זיך משדך געווען מיט זיין שוואָגער, קענען מיר זיך אויך משדך זיין, און ווייטער בלייבן שותפים', האָט דער פעל-פאַבריקאַנט געזאָגט צום גערער רבי'ן.

דערנאָך האָט דער פעל-סוחר געפרעגט דעם 'אמרי אמת', וואָס האָט אים געברענגט אַהער, אַז זיי זאָלן האָבן די זכי' צו אַ פּערזענליכן באַזוך פון גערער רבי'ן. האָט דער 'אמרי אמת' אים געענטפערט, אַז ער איז געקומען זיך משתדל צו זיין פאַר זיינעם אַ חסיד, וואָס איז באַזאָרגט אַז זיי וועלן אויפהערן שיקן צו אים די פעל צום פאַרקויפן, און זיין פרנסה וועט גיין צוגרונד ח"ו. האָט דער בעה"ב געזאָגט צום גערער רבי'ן: 'די גאַנצע סיבה פאַרוואָס מיר האָבן אים געשריבן אַז מיר וועלן אים מער נישט קענען שיקן פעל, איז דאָך געווען נאָר דערפאַר ווייל מיר האָבן געמיינט אַז מיר וועלן זיך מוזן טיילן אַלס שותפים אין דער פאַבריק. אָבער יעצט, אַז מיר האָבן באַשלאָסן זיך משדך צו זיין און מיר וועלן ווייטער קענען פאַרבלייבן אַלס שותפים, וועלן מיר אי"ה ווייטער קענען האַנדלען מיט אייער חסיד, און ער דאַרף נישט זאָרגן דערוועגן'.

האָט דער 'אמרי אמת' געזאָגט: זע נאָר ווי דער אויבערשטער האָט צוגעפירט אַז דער חסיד זאָל זיך באַקלאָגן פאַר מיר אַז ער גייט פאַרלירן זיין פרנסה, און מיר זאָלן דאַרפן מאַכן אַן אומוועג דורך בערלין (אויפ'ן וועג פאָרנדיג קיין מאַרינבאַד) צו די צוויי שוואָגערס שותפים, און **דאָס אַלעס, כדי דער שידוך צווישן די צוויי שוואָגערס זאָל צושטאַנד קומען.** פון דעם קען דער מענטש לערנען אַ וועג אין לעבן, אַז אַלעס איז פון דעם אויבערשטען, און ער פירט די וועלט אויף יעדן פרט.

**ד.** די גמרא זאָגט (ברכות ג.) רבי יוסי האָט געזאָגט, אַמאָל בין איך געגאַנגען אויפ'ן וועג, און איך בין אַריינגעגאַנגען אין איינע פון די חורבות אין ירושלים, כדי דאָרט מתפלל צו זיין. איז אליהו הנביא זכור לטוב געקומען און ער

**דער** טעלזער ראש ישיבה, הגאון ר' אליהו מאיר בלאָך זצ"ל, האָט געזאָגט, ווען דוד המלך ע"ה איז אַנטלאָפן פון שאול המלך ע"ה, האָט ער געמאַכט אַ סימן מיט זיין גוטן פריינט יהונתן, שאול'ס זון, צו וויסן ווי שטאַרק ס'איז שאול'ס כעס קעגן אים (דוד). דער סימן איז געווען, אַז יהונתן וועט וואַרפן פיילן, און דערנאָך וועט ער שיקן אַ יונגל צוזאַמענצונעמען די פיילן. זאָגט דאָרט דער פסוק (ש"א כ, כא-כב) 'אם כה אומר לנער החיצים ממך והנה', איז עס אַ סימן אַז דער כעס פון שאול המלך איז נישט אַזוי גרויס, און דוד קען צוריקקומען אַהיים. אָבער אויב ער וועט זאָגן פאַר דעם יונגל, 'החיצים ממך והלאה', איז עס אַ סימן אַז דער כעס פון שאול איז גאָר שטאַרק, און דעמאָלט 'לך כי שלחך ה''.

**דאַרף** מען פאַרשטיין, פאַרוואָס האָט ער אים געזאָגט, 'גיי, ווייל דער אויבערשטער האָט דיך געשיקט'. ער האָט אים ענדערש געדאַרפט זאָגן, 'ברח' - אַנטלויף - ווייל שאול וויל דיך הרג'ענען.

---

האָט מיך אָפּגעוואַרט ביי דער טיר. ער האָט מיך געפרעגט פאַרוואָס איך בין אַריינגעגאַנגען אין אַ חורבה, און איך האָב אים געענטפערט, אַז איך בין אַריינגעגאַנגען אַהין כדי מתפלל צו זיין. האָט אליהו מיר געזאָגט, דו האָסט געדאַרפט דאַווענען אינדרויסן, אויפ'ן וועג און נישט אריינגיין אין א חורבה. האָב איך געזאָגט צו אליהו, 'שמא יפסיקו בי **עוברי** דרכים' - איך האב מורא געהאט אז אפשר וועלן די דורכגייער אויפ'ן וועג מיך מפסיק זיין און שטערן אינמיטן דאַווענען. (אין יענע צייטן, זענען די וועגןביישטאַנען פון שמאָלע דורכגענג צווישן די וועלדער. אויב מען שטעלט זיך אָפּ אינמיטן וועג, דאַן קענען נישט די אַנדערע וועגענער ווייטער פאָרן.)

דאַרף מען פאַרשטיין, פאַרוואָס האָט רבי יוסי געזאָגט, שמא יפסיקו בי '**עוברי**' דרכים, און ער האָט נישט געזאָגט, שמא יפסיקו בי '**הולכי**' דרכים, אַזוי ווי ער האָט געזאָגט, פעם אחת הייתי '**מהלך**' בדרך, און נישט '**עובר**' בדרך.

ענטפערט דער גאון בעל 'בן איש חי' זצ"ל, אין זיין ספר 'בן יהוידע', אַז 'הולכי דרכים' זענען מענטשן וואָס גלייבן באמונה שלימה אַז דאָס עצם גיין איז מיט די השגחה פרטית פון דעם אויבערשטען, ער פירט זיי צוליב זיינע ספעציעלע סיבות. אָבער 'עוברי' דרכים זענען מענטשן וואָס עס פעלט זיי די דאָזיגע אמונה. זיי זעען נישט די מטרה אין זייער עצם וועג, נאָר זייער הויפט-ציל איז דאָס אָרט וואוהין זיי ווילן אָנקומען. צוליב דעם לויפן זיי אַריבערצוגיין דעם וועג אין איילעניש, וועלנדיג אָנקומען און דערגרייכן נאָך און נאָך. עס דאַכט זיך זיי, אַז אויב זיי וועלן זיך איילן, וועלן זיי מער אויפטוהן. זיי ווייסן נישט אַז אַלעס איז באַשערט פון דעם אויבערשטען, און די השתדלות וועט נישט העלפן צו באַקומען מער ווי עס איז באַשערט פאַר זיי צו האָבן.

דער חילוק צווישן די צוויי סאָרטן מענטשן איז, אַז די 'הולכי' דרכים, ווערן נישט אין כעס ווען עס מאַכט זיך פאַר זיי אַ 'טרעפיק' און סיי וועלכע אויפהאַלטונג אויפ'ן וועג, ווייל זיי ווייסן דאָך קלאָר, אַז אַלעס איז מיט די השגחה פרטית פון דעם באַשעפער. ממילא, וואָס האָבן זיי זיך אויפצורעגן, אויב דער אויבערשטער וויל אַז זיי זאָלן זיך אויפהאַלטן אונטערוועגנס. מה שאין כן די 'עוברי' דרכים, ווערן אין כעס פון יעדער קלייניגקייט וואָס טוט זיי אויפהאַלטן אויפ'ן וועג, ווייל זיי מיינען אַז דורך דעם וועלן זיי שאַדן האָבן דעם תכלית - דער וועג וואָס זיי זענען אָנגעגרייט אַהינצוקומען.

דאָס איז געווען די כוונה פון רבי יוסי, איך האָב מורא געהאַט אַז די '**עוברי**' דרכים וועלן מיך מפסיק זיין אינמיטן דאַווענען, ווייל די '**הולכי**' דרכים וואָס גלייבן אַז דער אויבערשטער פירט יעדן טריט פונעם מענטש, וועלן דאָך אים נישט איבערהאַקן אינמיטן דאַווענען, כאָטש ער האַלט זיי צוריק און ער שטערט זיי אין זייער וועג. די '**עוברי**' דרכים קענען מיך אָבער יאָ איבערהאַקן און שטערן מיין דאַווענען, ווייל זיי וועלן נישט קענען פאַרטראָגן אַפילו אַן אויפהאַלטונג פון אַ סעקונדע, אין זייער גרויסער איילעניש.

לויט דעם, טייטשט דער 'בן יהוידע', די מעשה וואָס ווערט געברענגט אין דער גמרא (תענית כד:) אַז רבי חנינא בן דוסא איז געגאַנגען אויפ'ן וועג, און ווען ס'האָט אָנגעהויבן רעגענען האָט רבי חנינא געזאָגט, 'רבונו של עולם, כל העולם כולו בנחת וחנינא בצער', און דער רעגן האָט זיך אָפּגעשטעלט. האָט רב יוסף געזאָגט, אַז די תפילה פון דעם כהן גדול, וואָס ער האָט געבעטן יום כיפור אַז די תפילה פון די **עוברי** דרכים זאָל נישט אָנגענומען ווערן אָפּצושטעלן דעם רעגן, איז נישט געווען גילטיג ביי רבי חנינא בן דוסא, ווייל רבי חנינא בן דוסא איז געווען פון די '**הולכי** דרכים' ('היה מהלך בדרך'), און נישט פון די '**עוברי** דרכים' [ווי ס'איז דאָס לשון פון דער גמרא דאָרט אין תענית, 'הוה קאזיל באורחא'], און **די תפילה פון 'הולכי דרכים', פועל'ט טאַקע יאָ!**

איז דער תירוץ, אַז אויך ווען עס זעט אויס פאַר דעם מענטש אַז ער דאַרף אַנטלויפן פון זיין אָרט ווייל זיין חבר יאָגט אים נאָך, איז דאָס אבער נישט די אמת'דיגע סיבה פאַר זיין אַנטלויפן, נאָר ווייל דער אויבערשטער האָט אים געשיקט (שלחך ה'), און ער האָט אַ געוויסע שליחות פון הימל, עס צו טוהן דייקא אויף יענעם אָרט[ה].

**היפלא מה' דבר - אַ איד טאָר זיך קיינמאָל נישט מייאש זיין**

'ותלך ותתע במדבר באר שבע, ויכלו המים מן החמת וגו', ותשב מנגד ותשא את קולה ותבך וגו', ויקרא מלאך אלקים אל הגר מן השמים ויאמר לה מה לך הגר אל תיראי וגו', ויפקח אלקים את עיניה ותרא באר מים, ותלך ותמלא את החמת מים ותשק את הנער' (כא, יד-יט).

**דאַרף** מען פאַרשטיין, פאַרוואָס דערציילט אונז די תורה די גאַנצע מעשה? וואָס פעלט עס אויס פאַר אונז צו וויסן אַז דאָס וואַסער אינעם קריגל האָט זיך אויסגעלאָזט, און עס האָט פּאַסירט מיט ישמעאל אַ נס אַז ער איז נישט געשטאָרבן.

**ענטפערט** דער רד"ק ז"ל, אַז דאָס אַלעס האָט מען געשריבן אין דער תורה, כדי אונז צו לערנען, אַז אַ מענטש זאָל זיך נישט דערשרעקן פון די צרות וואָס קומען אויף אים חלילה, נאָר ער זאָל זיך פאַרזיכערן אויפ'ן אויבערשטען אַז צום סוף וועט אַלעס זיין גוט, עכ"ד.

**פון** דעם קען מען ארויסנעמען א שטארקע חיזוק צו מאַכן אַליין אַ קל וחומר, יעדער איינער אין זיין מצב, מה דאָך הגר, וואָס איז געווען אַ דינסט, דאַרף זיך נישט דערשרעקן פון די ליידן און צרות, איז דאָך אוודאי אַ קל וחומר, 'בן בנו של קל וחומר', יעדער איד מזרע אברהם יצחק ויעקב, טאָר נישט ווערן דערשראָקן און פאַרלירן דעם בטחון, נאָר מ'דאַרף זיך פאַרזיכערן אויפ'ן באַשעפער אַז ער וועט זיכער העלפן, און פון דער צרה וועט אַרויסקומען אַ טובה.

**נאָך** מער שרייבט הרה"ק בעל 'שפת אמת' זי"ע, אין נאָמען פון זיין זיידן הרה"ק בעל 'חידושי הרי"ם' זי"ע, אויף די באַקאַנטע ווערטער פון מדרש (ב"ר פנ"ג, יד) 'אמר רבי בנימין, הכל בחזקת סומין עד שהקדוש ברוך הוא מאיר את עיניהם, מן הכא, ויפקח אלקים את עיניה'. חז"ל האָבן מדייק געווען פון דעם פסוק וואָס עס שטייט 'ויפקח אלקים את עיניה ותרא באר מים'. דער פסוק זאָגט נישט אַז דער אויבערשטער האָט באַשאַפן אַ ברונעם מיט וואַסער, אָדער אַז ער האָט אַרויסגענומען וואַסער פון דער ערד און דאָס גלייכן, ווייל באמת איז דער ברונעם שוין געשטאַנען דאָרט שוין פריער, נאָר הגר האָט עס נישט באַמערקט, ביז

---

**ה.** דאָס דאָזיגע וואָרט, האָט דער טעלזער ראש ישיבה געזאָגט ביי דעם מעמד פונעם 'חנוכת הבית' פון די טעלזער ישיבה אין קליוולאַנד. דאָרט האָט ער דערציילט מיט התרגשות וועגן די נסים פון זיין באַפרייאונג, ווי ער איז געראַטעוועט געוואָרן פון דער צווייטער וועלט מלחמה.

הרב בלאָך האָט דערציילט ווי פאָלגנד: פאַר דער מלחמה האָט ער געוואוינט מיט זיין משפחה אין טעלז, ליטע. אין אַ טאָג איז אַ פושע ישראל גרויס געוואָרן דאָרט אין שטעטל, און דער ראש ישיבה האָט מורא געהאַט אַז ער וועט נקמה נעמען אין אים, ווייל ער האָט אים דערלאַנגט אַ פראַסק ביי אַ דעמאָנסטראַציע קעגן דעם חילול שבת אין זיין געשעפט, וואָס ער האָט ליידער געהאַלטן אָפן אין שבת. האָט ער פאַרלאָזט טעלז און איז געפאָרן קיין אַמעריקע.

זעלבסט-פאַרשטענדליך, אַז בשעת מעשה איז עס אים נישט אנגעקומען און לייכט און עס האָט אים זייער וויי-געטוהן. ער האָט נישט פאַרשטאַנען פאַרוואָס איז אים אונטערגעקומען אזא צרה, אַז ער זאָל דארפן אַוועקוואַנדערן אין די מרחקים, צו דער ווייטער 'מאָדערנער' אַמעריקע. אָבער עטליכע יאָר שפּעטער, ווען ס'האָט אויסגעבראָכן די ביטערע צווייטע וועלט מלחמה, וואו רוב מנין און רוב בנין פון די אייראָפּעאישע אידן זענען ליידער אומגעקומען על קידוש השם, צווישן זיי אויך די משפחה פונעם ראש ישיבה און אַסאַך תלמידים פון דער ישיבה, האָט ער דעמאָלס פאַרשטאַנען אַז זיין גאַנצער אַנטלויפן איז געווען זיין ישועה, וואָס האָט אים געראַטעוועט פון אַ זיכערן טויט, בגשמיות און אויך ברוחניות, ווייל ער האָט שפּעטער זוכה געווען איבערצופלאַנצן און אויפשטעלן די באַרימטע טעלזער ישיבה אין קליוולאַנד.

דער אויבערשטער האָט דערלויכטן אירע אויגן, און זי האָט געזען אַ קוואַל וואַסער פאַר אירע אויגן.

**דאָס** איז די כוונה פון די ווערטער פון חז"ל, הכל בחזקת סומין עד שהקדוש ברוך הוא מאיר את עיניהם'. די ישועה איז שוין דא, מ'דאַרף נאָר דערלייכטן פון הימל דעם מענטשן'ס אויגן אַז ער זאָל זען די ישועה.

**פון** דעם האָט דער 'חידושי הרי"ם' אַרויסגעלערנט, אַז יעדע זאַך וואָס דער מענטש דאַרף האָבן, איז אייביג צוגעגרייט פאַר אים, נאָר דער מענטש מיט זיינע גשמיות'דיגע אויגן זעט עס נישט. ווען דער אויבערשטער דערלייכט זיינע אויגן, זעט ער אַלעס פאַר זיך[ו], עכ"ד.

**קומט** אויס פון די ווערטער פונעם 'חידושי הרי"ם', אַז סיי וועלכע ישועה אויף וועלכער מיר קוקן אַרויס בכלל ובפרט, איז שוין צוגעגרייט פאַר אונז. מיר דאַרפן זיך נאָר פאַרזיכערן אויפ'ן באַשעפער[ז], און מתפלל זיין צו אים ער זאָל עפענען אונזערע אויגן צו זען די ישועה[ח].

---

**ו.** דער מדרש זאָגט (ב"ר פנ"ג, יד) אויפ'ן פסוק אין דער היינטיגער פרשה (כא, יט) 'ותלך ותמלא את החמת', הדא אמרת, מחוסרת אמנה היתה. וויבאַלד הגר האָט אָנגעפירט דאָס קריגל מיט וואַסער, אַז זי זאָל האָבן אויך אַ טאָג שפּעטער וואַסער פאַר ישמעאל צו טרינקען, איז אַ סימן אַז עס האָט איר געפעלט אמונה.

פרעגן די מפרשים, פאַרוואָס מוז זיין אַז עס האָט איר געפעלט אמונה. זי האָט דאָך געדאַרפט האָבן וואַסער צו געבן אַ טאָג שפּעטער פאַר ישמעאל צו טרינקען?

ענטפערט דער 'שפת אמת' (וירא תרנ"ה, ד"ה 'במדרש'), **אַז מ'האָט דאָך איר יעצט געוויזן פון הימל ווי יעדע באַשעפעניש באַקומט אין יעדער צייט און אין יעדן אָרט אַלעס וואָס ער דאַרף האָבן. האָט זי זיך געדאַרפט אַראָפּלערנען דערפון, און אַריינעמען אין האַרץ די אמונה אַז דער אויבערשטער טוט צוגרייטן פאַר'ן מענטש אַלע זיינע באַדערפענישן.** ממילא, האָט זי נישט וואָס צו זאָרגן פון וואו זי וועט נעמען אַ טאָג שפּעטער וואַסער צו טרינקען, ווייל דער אויבערשטער וועט איר זיכער צושטעלן וואַסער (אָדער ער וועט עפענען פאַר איר אַ ברונעם פון אַן אַנדער אָרט), ווייל 'הרבה דרכים למקום'. דער אויבערשטער האָט גענוג וועגן ווי אַזוי צו העלפן. וויבאַלד הגר האָט אָנגעפילט דאָס קריגל מיט וואַסער, ווייל זי האָט זיך געזאָרגט אַז ס'איז מעגליך אַז מאָרגן וועט זי נישט האָבן וואַסער, האָט זי געוויזן דערמיט אַז עס פעלט איר אמונה, און דעריבער, כאָטש דער אויבערשטער האָט איר געוויזן זיינע גרויסע וואונדער, איז עס נישט אַריין אין איר האַרץ...

**ז.** דער פּאָפּא'ער רב, הרה"ק בעל 'ויחי יוסף' זצ"ל, דערציילט אין דער הקדמה צום ספר 'ויגד יעקב', אַ מעשה וואָס האָט פּאַסירט ביי זיין טאַטן, דער מחבר פון ספר, הרה"ק ר' יעקב יחזקי' זצ"ל אב"ד פאפא, אַז אַמאָל ווען ער איז געווען אויף אָפּרו אין אַ קוראָרט וואָס האָט געהייסן טאַצמאַסדאָרף, איז ער פרייטאָג צו נאַכטס נאָך דער סעודה, אַרויסגעגאַנגען אויף אַ שפּאַציר מיט זיינע מקורבים. ווען זיי זענען אָנגעקומען צו די וואַסער-קוואַלן וואו מענטשן פלעגן טרינקען פאַר אַ רפואה אין די בעדער, האָט איינער זיך אָנגערופן (אָדער ער אַליין), אַז ס'וואָלט געווען זייער גוט צו טרינקען יעצט פונעם קוואַל, ווייל ער איז דורשטיג, אָבער ס'איז דאָך שבת, און מ'קען נישט ברענגען אַ גלאָז, ממילא, האָט מען נישט געקענט טרינקען.

האָט דער 'ויגד יעקב' דערציילט די באַקאַנטע מעשה פון בעל שם טוב הקדוש זי"ע, וואָס ווערט געברענגט אין ספה"ק 'נתיב מצוותיך' (להרה"ק מקאמארנא זי"ע, נתיב היחוד, יג, אות א), אַז דער בעל שם טוב הקדוש זי"ע איז אַמאָל געפאָרן אויפ'ן וועג מיט זיינעם אַ תלמיד, אין אַן אָרט וואו עס איז נישט געווען קיין וואַסער אַסאַך מיילן. דער תלמיד איז געוואָרן דורשטיג, און ער האָט געזאָגט פאַר דעם בעל שם טוב אַז ער איז דורשטיג. דער בעל שם טוב האָט אים אָבער גאָרנישט געענטפערט.

שפּעטער, ווען דער תלמיד האָט געשפּירט אַז ער גייט ממש אויס פון דורשט רח"ל, האָט ער געזאָגט צו זיין רבי'ן דעם בעל שם טוב הקדוש אַ צווייטן מאָל: 'רבי, איך בין זייער דורשטיג. איך שפּיר ממש ווי עס הערשט אַ סכנה ח"ו'. האָט דער בעל שם טוב אים געזאָגט:

**- צי גלייבסטו, אַז אין דער סעקונדע ווען דער אויבערשטער האָט באַשאַפן די וועלט, האָט ער אויך געזען דיין צרה, און ער האָט צוגעגרייט וואַסער פאַר דיר צו טרינקען?!**

לכתחילה, האָט דער תלמיד נישט געענטפערט, אָבער נאָכ'ן אַריינטראַכטן אַ שטיקל צייט, האָט ער זיך אָנגערופן: יאָ רבי, איך גלייב באמת.

האָט דער בעל שם טוב אים געזאָגט, ער זאָל וואַרטן נאָך אַביסל. פאָרנדיג ווייטער אויפ'ן וועג, האָבן זיי באַמערקט אַ גוי גיין מיט צוויי עמערס וואַסער אויף זיינע אַקסלען. ווען ער איז צוגעקומען צו זיי, האָבן זיי אים געגעבן אַ פרוטה, און ער האָט געגעבן פאַר דעם תלמיד צו טרינקען. האָט דער בעל שם טוב געפרעגט דעם גוי, ווי קומסטו צו טראָגן וואַסער, דאָ, אין אַ וויסטן מדבר? האָט דער גוי געענטפערט, 'ס'איז אַריין אַ משוגעת אין קאָפּ פאַר מיין פריץ, אַז ער וויל טרינקען וואַסער פון אַ קוואַל וואָס געפינט זיך דאָ אין דער געגענט (טראָץ דעם וואָס עס געפינען זיך גענוג געשמאַקע וואַסער-קוואַלן נאָענט צו זיין פאַלאַץ). איך טראָג שוין דאָ וואַסער דריי פרסאות, און איך ווייס נישט פאַרוואָס'... האָט דער בעל שם טוב געזאָגט צו זיין תלמיד:

- זע נאָר די השגחה פּרטית פון דעם אויבערשטען ברוך הוא. ער האָט באַשאַפן פאַר דיינעט וועגן, אַ פּריץ וואָס עס זאָל אים אַריין אַ משוגעת אין קאָפּ, כדי ער זאָל וועלן וואַסער דווקא פון דאָ, און **דאָס אַלעס האָט דער אויבערשטער געזען מיט זיין השגחה פּרטית, אין דער סעקונדע ווען ער האָט באַשאַפן די וועלט...**

ווען דער 'ויגד יעקב' האָט געענדיגט דערציילן די מעשה, איז פּלוצלינג אַדורכגעגאַנגען נעבן אים אַ גוי מיט אַ גלאָז אין די האַנט, צו טרינקען פונעם קוואַל וואַסער. ממילא, האָבן אויך דער 'ויגד יעקב' און זיינע מקורבים געטרינקען פונעם וואַסער. ווען זיי האָבן געפרעגט דעם גוי פאַרוואָס עס איז אים איינגעפאַלן יעצט, אינמיטן נאַכט, צו קומען צום קוואַל טרינקען וואַסער... האָט דער גוי געענטפערט, אַז ער האָט זיך געלייגט שלאָפן, אָבער פּלוצלינג, איז ער געוואָרן זייער דורשטיג צו טרינקען וואַסער, און ער האָט געמוזט אַראָפּגיין פון בעט, און קומען אַהער טרינקען פונעם קוואַל.

אָט אין דעם באַשטייט דער גרויסער כח פון בטחון, אַז **דער אויבערשטער טוט צושטעלן פאַר דעם מענטש אַלעס וואָס ער דאַרף נאָך איידער ער האָט דעם בטחון, כדי אַז באַלד אין דער מינוט ווען ער וועט האָבן דעם בטחון, זאָל ער האָבן די ישועה אין האַנט.**

**ח.** אויף די אויבן-דערמאַנטע ווערטער פון מדרש, 'הכל בחזקת סומין עד שהקדוש ברוך הוא מאיר את עיניהם', זאָגט הרה"ק רבי אברהמ'לע פאָריסובער זי"ע, דער אויבערשטער דערלייכט די אויגן פון דעם מענטש, **נאָר נאָך דעם ווי דער מענטש קומט אָן צו די קלאָרע אנערקענונג אַז ער איז אַזוי ווי אַ בלינדער** ('בחזקת סומא'), **און ער אַליין קען גאָרנישט טוהן.** כל זמן עס דאַכט זיך פאַר דעם מענטש אַז ער אַליין איז בכח אַלעס צו 'ערלעדיגן', אָדער אַליין צו טרעפן אַ טיר פאַר זיין ישועה, ווערט ער נאָך נישט געהאָלפן פון הימל, וויבאַלד דער מענטש פאַרלאָזט זיך אויף זיך אַליין, און נישט אויף דעם אויבערשטען.

### מן הבאר

הרה"ג רבי אברהם הורוויץ ז"ל, אַ תלמיד פונעם גאון בעל 'חזון איש' זצ"ל, ברענגט אין דער הקדמה צו זיין ספר 'באר אברהם', אַז דער 'חזון איש' פלעגט זאָגן, **די ישועה פון דעם באַשעפער קומט אין דער סעקונדע ווען דער מענטש זעט שוין נישט מיט'ן דרך הטבע אַ וועג פאַר די ישועה.**

ענליך טייטשן די ספרים, דעם מאמר 'ישועת ה' כהרף עין'. 'הרף עין' מיינט, ווען מ'מאַכט צו די אויגן און מ'עפענט עס באַלד דערנאָך. דאָס הייסט, ווען דער מענטש פאַרשטייט און אנערקענט אַז אַליין קען ער גאָרנישט דערגרייכן, אַלעס איז נאָר פון דעם אויבערשטען, און דערפאַר פאַרמאַכט ער זיינע אויגן און ער גיט זיך איבער מיט זיין מצב אין דעם אויבערשטען'ס האַנט, און אַזוי איז ער באַלד זוכה צו די ישועה.

דער רד"ק ז"ל זאָגט אויפ'ן פסוק (תהלים קמז, ט) 'נותן לבהמה לחמה לבני עורב אשר יקראו', די 'עורבים' (וואָראָנעס) זענען אויס אין שוואַרץ. ווען זיי זענען נאָך קליין, איז זייער קאָליר ווייס, און צוליב דעם דערקענט נישט דער 'עורב' זיינע קליינע קינדער, נאָר ער מיינט אַז זיי זענען פון אַן אַנדערן מין, און ער טוט נישט צושטעלן פאַר זיי זייער שפּייז. דער אויבערשטער מיט זיין רחמנות, טוט זיי אונטערשיקן ווערים און זיי עסן אויף די ווערים, און פון דעם טוהען זיי זיך שפּייזן. שרייבט דער רד"ק, זענען מיר אַז דער **אויבערשטער העלפט די שוואַכע וואָס קענען זיך נישט אַליין העלפן.**

**די כוונה דערפון איז נישט דווקא וועגן 'שוואַכע', נאָר אַפילו יעדער וואָס מאַכט זיך ווי שוואַך...** דאָס הייסט, ער ווייסט אַז ער האָט נישט קיין אייגענעם כח, נאָר ער פאַרלאָזט זיך נאָר אויף דעם באַשעפער...

**אויך** ווען עס דאַכט זיך אַז בדרך הטבע איז נישט דאָ אַ וועג פאַר אַ ישועה, דאַרף מען געדענקען אַז דער אויבערשטער, דער 'כל יכול', קען ברענגען די ישועה, אפילו אויף אַן אופן וואָס עס פאַלט נישט איין פאַר דעם מענטש אויפ'ן געדאַנק.

**אַזוי** טייטשט דער גאון בעל 'חפץ חיים' זי"ע ('מכתבי החפץ חיים', כ) דעם פסוק אין דער היינטיגער פרשה (יח, יג-יד) 'ויאמר ה' אל אברהם, למה זה צחקה שרה לאמור האף אמנם אלד ואני זקנתי, היפלא מה' דבר'.

**דאַרף** מען פאַרשטיין, פאַרוואָס האָט דער פסוק מאריך געווען צו דערציילן די גאַנצע מעשה, וואָס זעט אויס חלילה ווי אַ שאַנדע פאַר די צדיקת שרה אמנו ע"ה, און בכלל, פאַרוואָס איז די תורה מאריך מיט דעם גאַנצן ענין, אויב שרה האָט געלאַכט, אָדער נישט.

**ענטפערט** דער 'חפץ חיים', מיר ווייסן אַז 'מעשה אבות סימן לבנים', און אַלעס וואָס האָט פאַסירט מיט אונזערע עלטערן, געשעט אויך מיט אונז אין דעם דור פון 'עקבתא דמשיחא', ווען אידן פרעגן ווי אַזוי איז מעגליך אַז משיח צדקנו זאָל קומען פלוצלינג און אונז אויסלייזן פון גלות. מ'טראַכט ביי זיך אין האַרצן, אַז ס'איז ח"ו נישט מעגליך אַזאַ זאַך.

**צוליב** דעם האָט די תורה מאריך געווען מיט דער מעשה פון שרה אמנו ע"ה, כדי מיר זאָלן ווייסן אַז דער אויבערשטער כביכול האָט תרעומות אויף אַזאַ אויפפירונג (ווי דער רמב"ן ז"ל שרייבט, אַז דער אויבערשטער האָט איר באַשולדיגט און געטענה'ט צו אברהם, פאַרוואָס גלייבט זי נישט אין דעם? ס'איז ראוי פאַר איר זי זאָל גלייבן דערין, אָדער זי זאָל זאָגן, אמן כן יעשה ה'). 'היפלא מה' דבר' - **יעדע סעקונדע** קען דער באַשעפער שיקן דעם גואל צדק, אויסצולייזן כלל ישראל פון דעם ביטערן גלות. אַלע צרות קענען אין איין סעקונדע איבערגעדרייט ווערן לטובה ולברכה.

**מורא'דיגע** ווערטער, שרייבט הרה"ק רבי צדוק הכהן פון לובלין זי"ע, אין ספר 'דברי סופרים' (אות טז): אַ איד טאָר זיך נישט מייאש זיין פון קיין שום זאַך, סיי בגשמיות, אַזוי ווי די גמרא זאָגט (ברכות י:) 'אפילו חרב חדה מונחת על צווארו של אדם אל ימנע עצמו מן הרחמים', און סיי ביי רוחניות'דיגע ענינים, אַפילו אויב דער מענטש איז אַריינגעפאַלן חלילה אין דער נעץ פונעם יצר הרע און עובר געווען עבירות וועגן וועלכע חז"ל זאָגן אַז תשובה פועל'ט נישט ביי די

---

אדרבה, ווען דער מענטש וואָרצלט גוט איין אין זיך די ריינע אמונה אַז ער אַליין איז בכלל נישט אַ חלק פונעם גאַנצן 'געשעפט', און נאָר דער אויבערשטער טוט אַלעס, דאַן איז ער זוכה צו זען די ישועה.

איידער דער קאַפּיטשיניצער רבי, כ"ק אדמו"ר רבי משה מרדכי זצ"ל, איז געוואָרן דער ממלא מקום פון זיין גרויסן טאַטן, דער קאַפּיטשיניצער רבי, הרה"ק רבי אברהם יהושע העשיל זי"ע, האָט ער געהאַנדלט אין דער דיאַמאַנטן-בערזע אין מאַנהעטן. האָט אַמאָל פאַסירט אַז ער האָט עטליכע וואָכן נאָכאַנאַנד נישט פאַרדינט אַפילו אַ פּרוטה ביים דיאַמאַנטן-האַנדל. ווען ער האָט זיך מזכיר געווען פאַר זיין גרויסן טאַטן, האָט ער געזאָגט, **'איך מאַך גאָרנישט'** (דאָס הייסט, ער פאַרדינט נישט קיין געלט), און וואָס וועט זיין מיט פרנסה, מ'דאַרף דאָך ברויט און קליידונג פאַר די משפחה. האָט זיין טאַטע דער קאַפּיטשיניצער רבי, אים געזאָגט:

- אָט דאָס דאַרפסטו טאַקע כסדר חזר'ן און געדענקען, אַז **דו מאַכסט טאַקע גאָרנישט... ווייל אַלעס איז פון הימל.** דער אויבערשטער רופט אויס אויב דער מענטש זאָל פאַרדינען פרנסה אָדער חלילה נישט. עס האָט נישט קיין שייכות צו די יגיעה און השתדלות פונעם מענטש...

ווען עס זענען אַריבערגעגאַנגען נאָך אַ פּאָר וואָכן און ער האָט נאָך אַלץ גאָרנישט פאַרדינט ביי די דיאַמאַנטן, האָט ער אין אַ פרייטאָג, ווען ער האָט זיך שוין געגרייט אַהיים צו פאָרן, געעפענט דעם 'סעיף', כדי דאָרט אַריינצולייגן די דיאַמאַנטן ביז נאָך שבת. בשעת מעשה, האָט ער אויפגעהויבן זיינע אויגן צום הימל און געזאָגט: רבונו של עולם, **איך מאַך טאַקע גאָרנישט...**

און וואונדער איבער וואונדער, 'תוך כדי דיבור', האָט דער טעלעפאָן געקלינגען, און אויפ'ן צווייטן זייט פונעם טרייבל איז געווען אַ סוחר, וועלכער האָט אָנגעבאָטן צו קויפן ביי אים אַ שיינע צאָל דיאַמאַנטן, אַזוי אַז אין איין סעקונדע האָט ער פאַרדינט אַנטקעגן אַלע וואָכן וואָס ער האָט גאָרנישט געטוהן, און ער איז אַרויס ממש 'מאפילה לאורה'...

דאָזיגע עבירות (זוה"ק ח"א דף ריט:), אָדער אַז ס'איז זייער שווער תשובה צו טוהן דערויף, אָדער דער מענטש קוקט זיך אַרום און ער זעט ווי ער ווערט ליידער בסדר מער און מער פאַרזינקען אין עולם הזה'דיגע ענינים, טאָר ער זיך נישט מייאש זיין צו זאָגן אַז ער וועט זיך נישט קענען אָפּשיידן דערפון, ווייל ס'איז בכלל נישט דאָ קיין יאוש ביי אַ אידט[ט]. דער אויבערשטער קען איביג העלפן אין יעדן ענין.

שרייבט הרה"ק ר' צדוק ווייטער, דער גאַנצער געבוי פון אידישן פאָלק איז דאָך געקומען שוין נאָך אַ פולשטענדיגן יאוש, ווי דער פסוק זאָגט, 'ואברהם

---

**ט.** רבינו ניסים גאון ז"ל ברענגט אַ מעשה, אַ גביר האָט געוואָלט געבן אַ סכום געלט פאַר צדקה, אָבער נאָר פאַר אַ איד וואָס האַלט שוין לאחר יאוש רח"ל. איז ער געגאַנגען אויפ'ן גאַס, און געטראָפן אַן אָפּגעריסענעם אָרימאַן, פרעגט ער אים, פון וואו לעבסטו? ענטפערט דער אָרימאַן, ער האָט אַ פעטער אין חוץ לארץ וואָס שיקט אים געלט. גייט ער צו אַ צווייטן, און אַזוי צו אַ דריטן, און אַזוי ווייטער, אָבער יעדער האט געהאט 'עפעס' א פרנסה, אזש אז קיין איינער פון זיי איז נישט געווען לאחר יאוש.

ענדליך האָט דער גביר געטראָפן אַ איד וואָס האָט געגעסן פון די מיסטן, אַ 'חובק אשפתות'. דער גביר האָט זיך געפרייט, ער האָט ענדליך געטראָפן אַ ריכטיגן אָרימאַן וואָס איז מסתמא שוין מיואש רח"ל. ער נעמט אַרויס אַ גרויסן פעקל געלט, און זאָגט אים: נעם דיר אַ מתנה, איך האָב דאָס אַוועקגעלייגט פאַר איינעם וואָס איז לאחר יאוש.

שרייבט רב נסים גאון: דער אָרימאַן האָט אים אָנגעשריגן: 'איך האַלט לאחר יאוש?! איך בין פאַרזיכערט אינעם אויבערשטען, איך בין זיך אינגאַנצן נישט מייאש!' פרעגט אים דער גביר: 'פאַרוואָס שרייסטו אויף מיר? איך וויל דאָך דיר געבן אַ מתנה!' זאָגט אים דער אָרימאַן: 'דו האָסט מיר דען געוואָלט געבן אַ מתנה? דו האָסט מיך געוואָלט הרג'ענען! דו האָסט געזאָגט אַז איך האַלט לאחר יאוש, האָסטו ביי מיר געוואָלט אַוועקנעמען דעם בטחון אין באַשעפער'!

ווען דער גביר האָט געזען, אַז אַפילו דער אָרימאַן איז פול מיט בטחון, האָט ער דאָך שוין נישט צו וועמען צו רעדן וועגן נעמען דאָס געלט פון אים, האָט ער דעריבער באַהאַלטן דאָס געלט אינעם בית הקברות.

עס איז דאָך אָבער א 'גלגל החוזר בעולם', און עס האָט ליידער פּאַסירט אַז דאָס רעדל האָט זיך איבערגעדרייט, און דער גביר איז געווארן א יורד, נישט האבנדיג אפילו א שטיקל ברויט צו עסן, פאר זיך מיט די משפחה. האָט ער זיך דערמאנט אַז ער האָט באַהאַלטן אַ סכום געלט אינעם בית הקברות, און ער איז אַהין געגאַנגען אַרויסצוגראָבן דאָס געלט. אין יענע צייטן איז געווען פון די ערגסטע פארברעכנס קעגן דער מלוכה אויב מ'גראָבט אויף אַ בית עלמין. די פּאָליציי איז געוואויר געווארן דערפון, און מ'האָט אים איינגעזעצט אין תפיסה.

שפּעטער האָט מען אים אַריינגעפירט אַ געקייטעלטן צום משפט, און ער האָט אויסגעבראָכן אין אַ געוויין. פרעגט אים דער ריכטער פאַרוואָס ער וויינט. האָט דער איד דערציילט, איך בין אַמאָל געווען רייך, און איך האָב באַהאַלטן געלט אינעם בית עלמין, און איצט בין איך ליידער געוואָרן אַן אָרימאַן, האָב איך געוואָלט אַרויסנעמען דאָס געלט וואָס איך האָב דאָרט באַהאַלטן. דערוויל איז מען מיך חושד אַז איך האָב געוואָלט גראָבן אינעם בית עלמין. חס וחלילה! איך האָב בלויז געוואָלט נעמען מיין געלט.

פרעגט אים דער ריכטער מיט פאַרוואונדערונג: 'דו געדענקסט מיך?! **איך בין דער מענטש וואָס האָט דעמאָלס געגעסן פון מיסט-קאַסטן, און איך האָב דיר געזאָגט אַז איך האָב בטחון אין דעם באַשעפער.** 'תבא כסא מלכותי ותעיד על תקותי'...' - זע נאָר ווי איך בין אָנגעקומען און ווי איך האָב דערגרייכט. זאָל דאָס זיין אַ באַוויז אויף מיין בטחון און האָפענונג צום באַשעפער!

עס האָט אונז דערציילט אַ בחור, די פאָלגענדע מעשה: זיין טאַטע איז אַמאָל געפאָרן קיין ניו יאָרק, און וויבאַלד די ישיבה האָט געגעבן רשות פאַר די תלמידים אַהיימצופאָרן אויף שבת, איז דער בחור געפאָרן אויף שבת קיין צפת. עס איז געווען אַ קורצער פרייטאָג, אינמיטן ווינטער, און מען שטייט און וואַרט פאַר די לעצטע אויטאָבוס צו קומען. למעשה האָט אָבער דער אויטאָבוס געשפּעטיגט אָנצוקומען אין צייט, און דער בחור מיט זיין חבר זענען אַראָפּגעגאַנגען פונעם אויטאָבוס אין טבריא, צוואַנציג מינוט פאַר'ן זמן פון שבת. דער בחור האָט שוין חרטה געהאַט אויף דער גאַנצער נסיעה, ער ווייסט נישט וואו גייט מען דאָ.

ושרה זקנים באים בימים׳, און אויך ׳מי מילל לאברהם׳ וגו׳ (פרשתינו כ, ז). ס׳איז קיינעם נישט איינגעפאַלן צו גלייבן אַז אברהם און שרה קענען נאָך האָבן קינדער. און אויך נאָך דעם ווי דער מלאך האָט צוגעזאָגט אַז זי וועט געבוירן אַ קינד, און שרה האָט געגלייבט אַז דער אויבערשטער איז אַ ׳כל יכול׳, און מיט דעם אַלעם האָט זי געלאַכט ביי זיך אין האַרצן, ווייל ס׳איז געווען ווייט ביי איר אין די אויגן צו גלייבן אין דעם, וויסנדיג דעם עלטער פון אברהם, און אויך איר עלטער. אויב דער אויבערשטער וואָלט זיי געוואָלט העלפן מיט אַ קינד, וואָלט ער זיי געהאָלפן פריער, ווייל ׳למעט בניסא עדיף׳, און ׳לא עביד קודשא בריך הוא ניסא למגנא׳, דאָרט וואו עס פעלט נישט אויס. אָבער באמת איז אזוי געווען די רצון פונעם באַשעפער אַז דאָס אידישע פאָלק זאָל זיך אויפבויען דווקא נאָך אַ פולשטענדיגן יאוש, ווען קיינער (אַפילו שרה), האָט נישט געגלייבט אַז זי וועט נאָך געהאָלפן ווערן. ווייל אַ איד איז מחויב צו גלייבן אַז מ׳טאָר זיך קיינמאָל נישט מייאש זיין׳. ׳היפלא מה׳ דבר׳ וגו׳.

**רבי** צדוק שרייבט ווייטער, אַז וועגן די גאולה שלימה לעתיד לבוא, זאָגט דער נביא (ישעיה נג, א) "מי האמין לשמועתינו" וגו׳, און אויך זאָגט די גמרא (סנהדרין

---

זיי האָבן אָנגעקלאַפּט אויף דער ערשטער טיר וואָס האָט געהאַט אויפ׳ן שוועל אַ מזוזה. דער איד האָט פריינטליך אויפגענומען די צוויי בחורים, זאגנדיג, ׳יאָ, איר וועט דאָ קענען עסן און שלאָפן׳. גייענדיג צוריק פון דאַווענען פרייטאָג צו נאַכטס, זאָגט דער בעה״ב צו די צוויי בחורים:

- כ׳וועל אייך מגלה זיין אַ סוד... אויב איר וואָלט געקומען אַן אַנדערן שבת, וואָלט איך נישט געהאַט קיין פּלאַץ פאַר אייך, נישט צו עסן און נישט צו שלאָפן... ווייל איך האָב ב״ה אַ שטוב מיט צען קינדער און קיין איבריגע בעט איז נישט דא. נאָר וואָס דען? איך מיט מיינע בני בית זענען היינט אינדערפרי צוריקגעקומען פון אַ נסיעה פון מקומות הקדושים אין אייראָפּע. מיר האָבן שוין געזאָלט צוריקקומען עטליכע טעג צוריק, אָבער ס׳איז געווען אַ טעכנישע פּראבלעם מיט׳ן עראָפּלאַן, דעריבער איז אונזער נסיעה אַהיים אָפּגעלייגט געוואָרן ביז פרייטאָג פאַרטאָגס. אַזוי זענען אונזערע קינדער געבליבן צעטיילט ביי די אידן אין שטאָט (וואו זיי זענען געווען בעת די עלטערן זענען געווען אין אויסלאַנד) אויף שבת. די אנשי חסד פון טבריא האָבן אָבער נישט געוואוסט אַז די קינדער וועלן נישט זיין אינדערהיים אויף שבת, האָבן זיי צוגעגרייט פאַר זייערע שכנים אַ שבת ׳כיד המלך׳, און אַזוי אַרום האָט איר גענוג צו עסן ביי מיר, און אויך אַ בעט צום שלאָפן...

דעמאָלס האָבן די בחורים באַגריפן ווי אַלעס איז געווען מן השמים, נאָך איידער די בחורים האָבן אַפילו גע׳חלומ׳ט אַרויפצוגיין אויפ׳ן אויטאָבוס, איז שוין געווען אַ פּראָבלעם אויפ׳ן פליגער, און דורך די וואוילטעטיגע אידן פון טבריא, איז צוגעגרייט געוואָרן פאַר זיי פון הימל, צו עסן און שלאָפן שבת אין טבריא...

די מעשה האָט זיך אָבער נישט געענדיגט בלויז מיט דעם: **דריי טעג נאָך שבת, דינסטאָג, איז איינער פון די צוויי בחורים געוואָרן אַ חתן ביי דעם בעל אכסניא אין טבריא...**

וואָס זעען מיר פון דעם? אַ איד בלאָנדזשעט נישט סתם. אַלעס איז פון הימל!

## מן הבאר

דער חפץ חיים זצ״ל האָט דערציילט, אַז הגאון רבי מרדכי באַנעט זצ״ל איז געזעסן ביים שיעור, און די תלמידים האָבן געזען, אַז אינמיטן אַ ריתחא דאורייתא האָט ער כסדר געשריבן מיט זיין פינגער אויפ׳ן טיש. זיי האָבן נאָכגעפאָרשט די זאַך און באַמערקט אַז ער שרייבט די ווערטער וואס מיר זאגן ביים דאַווענען אין די הייליגע טעג: ׳אשרי איש שלא ישכחך ובן אדם יתאמץ בך, כי דורשיך לעולם לא יכשלו׳ וכו׳.

**י.** ס׳איז באקאנט, דער בריסקער רב, הגרי״ז זצ״ל, האָט געהאַט אַ ליסטע פון יונגעלייט תלמידי חכמים וועלכע ער פלעגט אויסהאַלטן (ער פלעגט אָפּט מאָל באָרגן געלט דערפאר, און געזאָגט אַז ער האָט אמונה און בטחון, און דער אויבערשטער האָט טאַקע יעדן חודש געהאָלפן מ׳זאָל קענען באַצאָלן דעם חוב).

הרה״ג ר׳ שמואל הומינער זצ״ל ברענגט, אַז ער איז געשטאַנען דערביי ביים בריסקער רב, ווען אַ איד האָט אַמאָל געזאָגט פאַר׳ן בריסקער רב, אַז מ׳קען טרעפן רייכע אידן וואָס זאָלן דעקן דעם רב׳ס הצטרכות׳ן, זיי קענען

צז:) 'אין בן דוד בא עד שיתייאשו מן הגאולה'. משיח וועט קומען ווען אידן וועלן שוין זיין אינגאַנצן מיואש ח"ו פון דער גאולה. און טאקע אויף דעם זאָגט דער נביא (ישעיה נא, ב) 'הביטו אל אברהם אביכם ואל שרה תחוללכם'. אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן דער בנין פון אידישן פאָלק, נאָך אַ יאוש!

**ושמרו דרך ה' לעשות צדקה - טוהן חסד און 'גוטע מידות' איז דער הויפט יסוד**

**דער** רבינו יונה ז"ל שרייבט (אין זיין פירוש על התורה, פרשתינו), אַז פון דער היינטיגער פרשה, לערנען מיר ווי חשוב ס'איז דער ענין פון 'נדיבות' - געבן מיט א ברייט הארץ, און דער גרויסער שכר וואָס מ'באַקומט

---

אַראָפּלייגן אַ פערטל מיליאָן פונט, און עס זאָל זיין רואיג אַ פּאָר חדשים. האָט דער בריסקער רב געענטפערט פאַר דעם איד:

- אויך אויב איך וועל טרעפן מענטשן וואָס זאָלן אַראָפּלייגן מיליאָנען, וועל איך עס נישט טוהן, ווייל **איך וויל נישט פאַרלירן מיין אמונה און בטחון!**

אַזוי איז טאַקע געווען, עס זענען געווען מענטשן וואָס האָבן געוואָלט מנדב זיין געלט, אָבער דער בריסקער רב האָט נישט געוואָלט נעמען מער ווי אויף איין חודש. ער האָט געזאָגט:

**- אַז איך ווייס אין משך פון חודש אַז איך האָב נישט קיין געלט, ווייס איך אַ גאַנצן חודש אַז איך דאַרף געפינען חן ביי דעם אויבערשטען, געב איך אַכטונג אַ גאַנצן חודש, איך זאָל האָבן חן זיין ביי דעם אויבערשטען, און דאָס וועט איר מיר נישט קענען אַוועקנעמען אַפילו פאַר מיליאָנען...**

אַוודאי זענען מיר נישט אין דער מדרגה פון בריסקער רב, **אָבער מיר האָבן דאָך סיי ווי נישט קיין מיליאָנען, מעגן מיר זיך כאָטש מחזק זיין מיט דעם וואָרט, מיט די מדת הבטחון פון בריסקער רב,** אַז ער האָט נישט געוואָלט נעמען דאָס געלט, כדי נישט צו פאַרלירן זיין מדת הבטחון און נשיאות חן ביי דעם באַשעפער.

עס איז ידוע אַז די זוועהילער רבי'ס, הרה"ק רבי שלמה'קע זי"ע און זיין זון הרה"ק רבי גדלי' משה זי"ע, זענען געווען ווייט פון גוזמאות - "הרחק כמטחוי קשת". הרה"ק רבי גדלי' משה דערציילט אַ מעשה וואָס ער האָט מיטגעלעבט, ווי פאָלגענד:

עס איז געווען אַ שטעטל וואו עס האָט געוואוינט בלויז איין דאָקטאָר און איין אַפּטייקער. זיי האָבן אויסגענוצט דעם מצב אז זיי זענען די איינציגע אין שטעטל, און האָבן געריסן גרויסע גרויסע געלטער פון אלע קראנקע ל"ע. האָבן די שטאָט לייט צונויפגערופן אַן אסיפה, און באַשלאָסן, אַז כאָטש די גמרא זאָגט (ברכות ס.) 'מכאן שניתנה רשות לרופא לרפאות', דער דאָקטאָר האָט רשות צו היילן מענטשן, אָבער אויב דער דאָקטאָר רייסט אַזוי פיל געלט ביי די פאַציענטן, וועט מען אַלזאָ מער נישט גיין זיך באַהאַנדלען ביי אים. מ'האָט באַשלאָסן, אַלע מענטשן פון שטאָט וועלן אויפהערן גיין צום דאָקטאָר, מ'וועט גיין נאָר צום אויבערשטען!

האָט הרה"ק רבי גדלי' משה דערציילט, אַז סוף יאָר האָט מען געזען אַז **קיין איין מענטש איז נישט געשטאָרבן אין שטאָט, אויסער צוויי מענטשן - דער דאָקטאָר און דער אַפּטייקער!** אָט אַזוי איז אַז מען לעבט מיט'ן בורא כל עולמים.

הגאון רבי מיכל פיינשטיין זצ"ל (איידעם פון בריסקער רב זצ"ל) האָט געהאַט אַ טאָכטער וואָס האָט געליטן פון דער אַסטמאַ קראַנקהייט רח"ל, וואָס ווען עס קומט אַן אַטאַקע ח"ו, דאַרף מען זיך שנעל מטפל זיין דערמיט. אין שטוב זענען געווען עטליכע אָטעם-מאַשינען על כל צרה שלא תבא, אַז אויב איין מאַשין וועט נישט אַרבעטן, זאָל מען האָבן גרייט אַ צווייטע מאַשין.

אַמאָל האָט זי באַקומען אַן אַסטמאַ אַטאַקע רח"ל. מ'האָט געזוכט די מאַשינען, אָבער מ'האָט זיי נישט געקענט טרעפן, און ליידער איז זי ביז אַ האַלבע שעה אַוועק פון דער וועלט רח"ל. שפּעטער האָט מען געטראָפן אַלע זיבן מאַשינען אונטער איר בעט. זעלבסט-פאַרשטענדליך, אַז עס האָט שטאַרק ווי געטוהן דאָס האַרץ ביי די משפחה, פון די געפיל, אַז מ'האָט עס געקענט צוריקהאַלטן און איר האַלטן ביים לעבן.

ווען הגה"צ רבי יעקב גאַלינסקי זצ"ל איז געקומען מנחם אבל זיין רבי מיכל פיינשטיין, מיט וועמען ער האָט געלערנט צוזאַמען אין דער לאָמזשער ישיבה, האָט רבי יאַנקעלע דערמאנט רבי מיכל'ען וואָס מ'פלעגט נאָכזאָגן אין ישיבה אין נאָמען פון די ראשונים, אַז **עס איז דאָ אמונה און השתדלות. דאָס אַלעס איז אָבער נאָר בנוגע דעם עתיד, אָבער אויפ'ן עבר, זאָל אַ מענטש זיך נישט איינרעדן, אויב איך וואָלט געטוהן אַ געוויסע השתדלות וואָלט**

דערפאַר[יא]. פון דער אַנדערער זייט, זעט מען ווי מיאוס ס'איז די מדה פון קאַרגשאַפט, און די שטראָף וואָס מ'באַקומט דערפאַר[יב], ווייל דער פסוק זאָגט אין דער היינטיגער סדרה (יח, יח-יט) 'כי ידעתיו למען אשר יצוה

---

**אַנדערש פאַסירט, עס וואָלט נישט פאָרגעקומען, וכדומה. דאָס איז כפירה נסתרת, ווייל אויפ'ן עבר איז נישט דאָ אַזאַ זאַך ווי השתדלות. אויב עס האָט פאַסירט, האָט אַזוי געמוזט פאַסירן.**

**יא.** דער נביא זאָגט (ירמיה לא, יד-טו) 'קול ברמה נשמע נהי בכי תמרורים רחל מבכה על בניה וגו', כה אמר ה' מנעי קולך מבכי ועיניך מדמעה כי יש שכר לפעולתך' וגו'. דאַרף מען פאַרשטיין, חז"ל זאָגן אַז ווען דער בית המקדש איז חרוב געוואָרן, האָבן אַלע אבות און אמהות געוויינט, און יעדער איינער פון זיי האָט דערמאָנט זיין זכות צו ראַטעווען דעם כלל ישראל. אויב אַזוי, פאַרוואָס איז דייקא רחל געענטפערט געוואָרן, און נאָר פאַר רחל האָט דער אויבערשטער געזאָגט 'מנעי קולך מבכי', זי זאָל אויפהערן צו וויינען, ווייל אירע קינדער וועלן אויסגעלייזט ווערן פון גלות?

איז דער תירוץ, ווייל מיר געפינען ביי רחל אמינו, **אַז זי האָט מסכים געווען צו באַצאָלן אַ טייערן פרייז כדי אַ צווייטער זאָל נישט דאַרפן וויינען,** ווייל לאה האָט דאָך פאַרגאָסן הייסע טרערן אַז זי זאָל נישט אַריינפאַלן ח"ו צו עשו הרשע, ביז רחל האָט איר אַנטפלעקט די סימנים אַז זי זאָל קענען חתונה האָבן מיט יעקב אבינו ע"ה, כאָטש רחל האָט געוויסט אַז דורך דעם וועט זי אַליין שאָדן האָבן און זי וועט מער נישט קענען חתונה האָבן מיט יעקב, און **דער וואָס געבט אַוועק פון זיך כדי אָפּצומעקן אַ טרער פון אַ צווייטנ'ס אויג, פירט זיך דער אויבערשטער מיט אים אָדער מיט איר, 'מדה כנגד מדה', אָפּצומעקן זיינע טרערן...**

ענליך זאָגט הרה"ק בעל 'ישמח משה' זי"ע (חידושים על נ"ך, ירמיה לא, יד) אויף די ווערטער 'קול ברמה', ווייל דער וואָס בעט אַן אומזיסטע מתנה פון זיין חבר, רעדט נישט הויך אויפ'ן קול, נאָר ער בעט שטילערהייט, און מיט אַ 'האַלבן מויל'. פון דער אַנדערער זייט, ווען איינער פאָדערט וואָס עס קומט אים, רעדט ער הויך אויפ'ן קול (על דרך משל, ווען איינער קויפט עפּעס אין אַ געשעפט ווייסנדיג אַז ער האָט נישט קיין געלט צו באַצאָלן דערפאַר, בעט ער דעם אייגנטימער פונעם געשעפט מיט אַ שטיל בעטנדיג קול, אויב ער קען אים געבן אויף באָרג, מיט לייכטע אָפּצאָלונגען. אָבער איינער וואָס האָט פאָראויס איבערגעלאָזט ביים געשעפט-אייגנטימער אַסאַך געלט, זאָגט ער אים הויך אויפ'ן קול, גיב מיר די זאַכן וואָס איך נעם, פון דעם געלט וואָס איך האָב איינגעלייגט ביי דיר). דאָס זעלבע איז מיט רחל אמינו, זי האָט מוותר געווען פאַר איר שוועסטער לאה און האָט איר איבערגעגעבן די סימנים, קען זי קומען מיט'ן כח פון אט דעם וויתור, און פאָדערן הויך אויפ'ן קול דאָס **וואָס עס קומט איר על פי דין, אַז דער אויבערשטער זאָל רחמנות האָבן אויף אירע קינדער און אויסלייזן זיי פון גלות.**

**יב.** אויפ'ן פסוק אין דער היינטיגער פרשה (יט, יג) וואו די מלאכים האָבן געזאָגט צו לוט, 'כי משחיתים אנחנו את המקום הזה', זאָגט דער מדרש (ב"ר פ"נ, ט) אַז דאָס וואָס די מלאכים האָבן דערציילט פאַר לוט אַ נאַכט פריער אַז זיי גייען חרוב מאַכן סדום ועמורה, איז גערעכנט געוואָרן פאַר זיי אַלס אַ חטא, ווייל דער אויבערשטער האָט דאָך נאָר געוואָלט מודיע זיין וועגן דעם פאַר אברהם אבינו ע"ה, און נישט פאַר אַנדערע מענטשן [אַזוי ווי דער פסוק זאָגט (יח, יז) 'המכסה אני **מאברהם** אשר אני עושה'. דאָס הייסט, ער האָט געוואָלט אַז נאָר אברהם זאָל וויסן דערפון], און אַלס עונש זענען די דאָזיגע מלאכים געשטראָפט געוואָרן און אַרויסגעוואָרפן געוואָרן פון זייער מחיצה 138 יאָר.

דאַרף מען לכאורה פאַרשטיין, אויך אויב די מלאכים וואָלט נישט דערציילט פאַר לוט אַז דער אויבערשטער גייט חרוב מאַכן סדום און עמורה, וואָלט דאָך דער 'סוד' באַקאַנט געוואָרן ביז אַ קורצע צייט - דעם קומענדיגן צופרי, ווען זיי האָבן חרוב געמאַכט די שטעט. אויב אַזוי, פאַרוואָס האָבן זיי באַקומען אַזאַ האַרבע שטראָף פאַר'ן אויסזאָגן דעם סוד אַביסל פריער?

ענטפערט דער גאון רבי חיים אברהם זייציק זצ"ל (ראש ישיבה אין דער נאָוואַרדאָקער ישיבה) אין זיין ספר 'ואני תפילה' (ח"ג, שער יום הכיפורים, מאמר 'להרגיש בצער הזולת'), **אַז יעדער צער און שטראָף וואָס דער אויבערשטער גיט ח"ו פאַר אַ מענטש, איז אָפּגעמאָסטן מיט אַ פונקטליכן חשבון.** אויך אויב ס'איז חלילה נגזר געוואָרן אויפ'ן מענטש צו ליידן יסורים רח"ל, איז עס נאָר לויט ווי מ'האָט באַשטימט פאַר אים פון הימל, און ער דאַרף נישט האָבן צער מער ווי מ'האָט אויף אים גוזר געווען, אַפילו נישט נאָך איין סעקונדע. דעריבער, כאָטש ס'איז נגזר געוואָרן אויף די שטעט סדום און עמורה חרוב און פאַרברענט צו ווערן, וואָס דאָס וועט גורם זיין צער פאַר די איינוואוינער פון יענע

את בניו ואת ביתו אחריו ושמרו את דרך ה' לעשות צדקה'[ג] וגו', און אין זכות פון דער צדקה וחסד וואָס אברהם אבינו ע"ה האָט געטוהן מיט אַנדערע מענטשן, האָט ער זוכה געווען צו באַקומען פונעם אויבערשטען די ברכה, 'ואברהם היה יהיה לגוי גדול ועצום ונברכו בו כל גויי הארץ'. דאָס מיינט, ער איז געוואָרן דער מקור פון ברכה.

פון דער אַנדערער זייט, זאָגט דער פסוק ווייטער (פסוק כ) 'ויאמר ה' זעקת סדום ועמורה כי רבה וחטאתם כי כבדה מאד'. די מענטשן פון סדום און עמורה האָבן נישט אויסגעהערט דעם געשריי פון אַן אָרימאַן און האָבן זיך מתאכזר געווען נישט צו טוהן אַ חסד מיט אַנדערע מענטשן. אדרבה, זיי זענען געווען ממש ווי 'חכמים' ווען עס איז געקומען צו שלעכטס טוהן פאר א צווייטן[ד],

---

שטעט, **אָבער ס'איז דאָך נישט נגזר געוואָרן אויף זיי צו ליידן דעם צער שוין אַ נאַכט פריער**, נאָר ערשט אינדערפרי, בשעת מעשה, זאָלן זיי שפּירן דעם פייער און די שוועבל וואָס קומען אַראָפּ פון הימל. ממילא, ווען די מלאכים האָבן אַנטפלעקט דעם סוד פאַר לוט, אַפילו אַ קורצע צייט פריער, האָבן זיי גורם געווען צוצולייגן צער פאַר לוט און די מענטשן פון סדום, און דעריבער האָבן זיי באַקומען אַזאַ האַרבן עונש. און כאָטש באמת, אַנטקעגן דעם חורבן פון סדום ווערט דאָס נישט גערעכנט ווי אַ צער, אָבער פונדעסטוועגן זענען די מלאכים אַוועקגעשטופּט געוואָרן פון דער מחיצה פון באַשעפער, ווייל **סוף כל סוף, האָבן זיי צוגעלייגט צום צער פון די מענטשן פון סדום, וואָס מ'האָט נישט גע'פּסק'ענט פאַר זיי פון הימל.**

לערנען מיר דאָ אַ מורא'דיגן לימוד, אַז אויב אויף די רשעים פון סדום האָט דער אויבערשטער מקפיד געווען אַז זיי זאָלן נישט ליידן אַפילו אַ האָרל מער ווי ס'איז באַשערט געווען פאַר זיי פון הימל, איז דאָך אַוודאי און אַוודאי גרויס די שטראָף וואָס עס באַקומען איינער וואָס איז חלילה מצער אידישע קינדער, און 'מדה טובה מרובה', ווי גרויס איז דער שכר פון איינעם וואָס טוט פאַרמינערן די ליידן פון אַ צווייטן, און ער היט אים פון אַ צער.

**יג.** אָנהייב היינטיגע פּרשה (יח, ד) ווערט דערציילט, אַז אברהם אבינו ע"ה האָט געזאָגט צו זיינע געסט, 'יוקח נא מעט מים ורחצו רגליכם והשענו תחת העץ'. איז לכאורה שווער, פאַרוואָס האָט ער זיי געגעבן נאָר 'מעט מים' - אַביסל וואַסער, אָבער ביי די אַנדערע זאַכן, האָט ער געגעבן ברייט, ווי חז"ל זאָגן אַז ער האָט זיי געברענגט דריי צינגען מיט 'חרדל' ('מאָסטאַרד' בלע"ז), און דריי 'סאה' זעמל-מעל.

ענטפערן די ספרים (און אַזוי זאָגט אויך דער סערעטער רבי, הרה"ק בעל 'מקור ברוך' זצ"ל), ווייל דער טעם פאַרוואָס אברהם אבינו ע"ה האָט בכלל געהייסן ברענגען אַביסל וואַסער פאַר די געסט אָפּצוואַשן זייערע פיס, איז דאָך געווען, ווי רש"י שרייבט, אַז ער האָט געמיינט אַז זיי זענען אַראַבער וואָס בוקן זיך צום שטויב פון זייערע פיס, און ער האָט מקפיד געווען נישט אַריינצונעמען אַן עבודה זרה אין זיין הויז. אויך איז באַקאַנט וואָס חז"ל זאָגן (זעה כלה רבתי, פ"ט) 'כבדהו וחשדהו', און אַזוי האָט אויך אברהם אבינו ע"ה זיך געפירט. פון איין זייט, האָט ער מכבד געווען די געסט און זיי געגעבן צו עסן, און פון דער אַנדערער זייט, האָט ער געהאַט אַ חשד אַז זיי דינען די עבודה זרה. קומט דער פסוק אונז לערנען, אַז **דעם 'כבדהו' - אָפּצוגעבן כבוד פאַר אַ צווייטן, דאַרף מען טוהן מיט אַ ברייטער האַנט**, אָבער ביי דעם 'חשדהו' - פאַרדעכטיגן יענעם, דאַרף מען נישט טוהן מיט אַ 'הידור'... נאָר ס'איז גענוג אַביסל דערפון, 'יקח נא **מעט** מים'...

## מן הבאר

דער מגיד מישרים הגה"צ רבי שלום שבדרון זצ"ל האָט געזאָגט, אַ טעם פאַרוואָס צו ברענגען די פלייש פאַר זיינע געסט, איז אברהם אבינו ע"ה אַליין געלאָפן ברענגען ('ואל הבקר רץ אברהם'), אָבער דאָס וואַסער האָט ער געשיקט אַ שליח עס צו ברענגען (ווי רש"י שרייבט), ווייל ער האָט זיי אַליין געוואָלט מכבד זיין דעריבער האט ער אליין געברענגט די פלייש. אָבער די וואסער האָט ער נאר געברענגט ווייל ער האט זיי חושד געווען אַלס עובדי עבודה זרה, דעריבער האָט ער עס געטוהן דורך אַ שליח...

**יד.** אַמאָל ווען דער גאון רבי אברהם גניחובסקי זצ"ל (ראש ישיבה פון דער טשעבינער ישיבה אין ירושלים) איז אַהיים געקומען מוצאי שבת פון שול (רבי אברהם האָט געוואוינט אין בני ברק), איז אַריינגעקומען אַ שכנ'טע, וועלכע האָט נישט געטראָגן אַ צודעק אויף די האָר, און זיך געוואָלט שואל עצה זיין מיט אים איבער אַ וויכטיגן ענין. דערנאָך האָט זי אים

'לומדישע רוצחים', ווי עס ווערט געברענגט אין חז"ל (סנהדרין ק"ט). צום ביישפיל, אויב זיי האָבן אַריינגענומען אַ גאַסט אין הויז, האָבן זיי אים געגעבן אַ בעט וואָס איז געווען צו-קורץ לויט זיין מאָס. אויב דער גאַסט איז געווען צו-הויך, האָבן זיי אפגעהאַקט זיינע פיס אַז זיי זאָלן זיין צוגעפּאַסט צו דער מאָס פונעם בעט וואָס זיי האָבן אים געגעבן, און אַזוי ווייטער.

מיט דעם אַלעם, דערמאנט אָבער דער נביא (יחזקאל טז, מט) נאָר דעם חטא פון סדום ועמורה, אַז 'ויד עני ואביון לא החזיקה' - זיי האבן נישט געהאלפן קיין אָרימעלייט. דאָס איז געווען אַזוי שלעכט אין די אויגן פון דעם אויבערשטען כביכול, אַז ער האָט איבערגעדרייט די שטאט און זיי באַשטראָפט אויף אַן אופן וואָס מיר געפינען נישט אַזעלכע שטראָפן ביי קיין שום שטאָט, נאָר ביי סדום[טו] (אויסער נינוה, וועלכע וואָלטן אויך באַקומען אַן ענליכע שטראָף אויב זיי וואָלטן נישט תשובה געטוהן).

דער רבינו בחיי ז"ל שרייבט אין דער היינטיגער סדרה (יח, ב) אַ טעם פאַרוואָס דער אויבערשטער האָט אַזוי האַרב באַשטראָפט די מענטשן פון סדום און עמורה, מיט'ן איבערדרייען זייערע שטעט, כאָטש ס'איז

---

דערציילט אַז זי איז אַן אלמנה ל"ע, און זי פרעגט אויב זי קען בלייבן דאָ אין הויז פונעם רב כדי צו הערן פון אים הבדלה. האָט רבי אברהם (וועלכער איז געווען באַקאַנט מיט זיינע גוטע מידות, שוין אָפּגערעדט ווען עס האָט זיך געהאַנדלט אין אַן אלמנה), געענטפערט, וואָס איז די שאלה, בשמחה רבה...

די משפחה מיטגלידער פון רבי אברהם, האָבן זיך געפונען אין אַ פאַרלעגנהייט, נישט וויסנדיג וואָס רבי אברהם וועט דאָ טוהן. פון איין זייט, טאָר מען דאָך נישט מאַכן הבדלה אַנטקעגן איר פנים, ווייל זי גייט דאָך בגילוי שער רח"ל. פון דער אַנדערער זייט, קען ער זיך דאָך נישט אַוועקדרייען פון איר, ווייל זי קען געטשעפּעט ווערן דערפון ח"ו (מ'האָט איר נישט געקענט מסביר זיין דעם חומר הענין, ווייל זי איז נישט אויפגעצויגן געוואָרן אין היימישע קרייזן, אַז זי זאָל פאַרשטיין ווען מ'וועט איר אויפמערקזאַם מאַכן דערוועגן). וואָס האָט רבי אברהם געטוהן? ער האָט אָנגעפילט דעם בעכער מיט ווין, און דאַן האָט ער זיך אָנגערופן צו זיין משפחה **"לאָמיר אַלע זיך אויסדרייען מיט'ן פנים אַנטקעגן ירושלים און דעם 'קדשי קדשים', און צום כותל המערבי...**" אַזוי האָט ער זיך אַרויסגעדרייט פונעם פלאַנטער, אָן דעם וואָס ער זאָל חלילה דאַרפן פאַרשעמען אַ אידישע טאָכטער, און דערצו נאָך אַן אלמנה... ווייל זי האָט געהאַט דעם איינדרוק, אַז רבי אברהם פירט זיך אייביג אַזוי, צו מאַכן הבדלה שטייענדיג מיט'ן פנים צו דער ריכטונג פון דעם בית המקדש, אַזוי ווי ביי תפילת שמונה עשרה...

דאס איז באמת די וועג ווי א ערליכע איד דארף זיך צופירן, צו זיין פון די מענטשן וואָס זענען מקיים דעם 'חכמים המה להטיב' - זיין א חכם ווען עס קומט יענעם א טובה צו טוהן און אויך ווען עס דאַכט זיך פאַר דעם מענטש אַז ער מוז אַמאָל מאַכן יענעם אומאנגענעם צוליב אַ געוויסע סיבה, דאַרף ער עס טוהן אויף אַן אופן אַרויסצוגיין אָן דעם וואָס ער זאָל חלילה גורם זיין צער פאַר יענעם.

מיר האָבן געהערט אַ וואונדערליך וואָרט פון אַ רב, אויפ'ן פסוק (יח, ו) 'והוא עומד עליהם תחת העץ ויאכלו'. איז שווער, געווענליך ווען מ'וויל אַז דער גאַסט זאָל זיך נישט שעמען ווען ער עסט, איז בעסער מ'זאָל נישט שטיין איבער אים, פאַרוואָס איז אברהם אבינו ע"ה געשטאַנען נעבן די מלאכים ווען זיי האָבן געגעסן?

האָט דער רב געענטפערט, ווייל דער זוהר הקדוש זאָגט (ח"א קב:) אַז דער בוים האָט אַנטפּלעקט דעם מהות פונעם גאַס. אויב ער האָט געגלייבט אין דעם אויבערשטען, האָט דער בוים אויסגעשפּרייט זיינע צווייגן אַראָפּ אויפ'ן מענטש, כדי ער זאָל קענען געניסן פונעם שיינעם שאָטן, אָבער אויב ער האָט געדינט עבודה זרה, האָט דער בוים אויפגעהויבן זיינע צווייגן צום הימל. אברהם אבינו ע"ה האָט געשווינט דעם כבוד פון זיינע געסט, אַז זיי זאָלן נישט פאַרשעמט ווערן אויב אַנדערע געסט וועלן זען אַז די מלאכים זיצן אונטער'ן פרייען הימל אָן אַ שאָטן פונעם בוים. דעריבער האָט ער זיך אַוועקגעשטעלט העכער זיי ('והוא עומד עליהם תחת העץ'), ווייל ער האָט געוואוסט אַז פאַר אים וועט דער בוים יאָ געבן אַ שאָטן, און **מיט דעם האָט ער געראַטעוועט דעם כבוד פון זיינע געסט...** און אויך אויב זיי זענען נישט פון די צדיקי הדור, און אפילו נישט מזרע ישראל, נאר אַ טמא'נער גוי וואָס דינט עבודה זרה, **אָבער 'כך היא דרכה של תורה', אָפּצוגעבן כבוד אויך פאַר איינעם וואָס איז נישט ראוי צו אזא כבוד...**

**טו.** די בעלי המוסר זאָגן אַ טעם פאַרוואָס דער אויבערשטער האָט איבערגעדרייט סדום און עמורה אָן אַ פריערדיגע וואָרענונג צו די דאָרטיגע זינדיגע מענטשן, אָבער ביי דער שטאָט נינוה ווערט דערציילט אַז דער אויבערשטער

האָט געשיקט יונה הנביא זאָל זיי וואָרענען, אַז ביז פערציג טעג וועט נינוה איבערגעדרייט ווערן אויב זיי וועלן נישט תשובה טוהן באַצייטענס.

איז דער תירוץ, על דרך משל, איינער איז אויפגענומען געוואָרן אַלס באַאַמטער אין אַ באַנק, און ער פלעגט אויפנעמען די מענטשן בסבר פנים יפות. ער האָט אָבער נישט געהאַט קיין אַנונג וואזוי צו רעכענונג, און ס'איז אויסגעקומען אַז ער האָט גורם געווען שאָדנס פאַר די באַנק-קליענטן. ווען דער דירעקטאָר פון דער באַנק האָט זיך געכאַפט דערויף, האָט ער אים אָפּגעזאָגט פון דער אַרבעט.

אַ טאָג שפּעטער, האָט דער דירעקטאָר אויפגענומען אַ נייעם באַאַמטן וועלכער איז געווען גאָר גוט באַקאַנט מיט חשבון, אָבער ער האָט געהאַט אַ חסרון, אַז ער איז געווען אַן אויפגערעגטער פּאַרשוין, און פלעגט באַפאַלן די קליענטן וואָס זענען געקומען אין באַנק. האָט דער דירעקטאָר פון דער באַנק אים געוואָרנט אַז ער זאָל זיך פירן רואיג און געלאַסן מיט די קליענטן, און ער זאָל זיי אויפנעמען פריינטליך און גוט באַהאַנדלען.

וועט אַ מענטש פרעגן, וואָס איז דער חילוק צווישן דעם ערשטן און דעם צווייטן?ביידע האָבן זיך דאָך נישט געפירט ריכטיג. פאַרוואָס האָט מען דעם צווייטן נאָר אָנגעוואָרענט זיך אויפצופירן בעסער צו די קליענטן, און דעם ערשטן האָט מען אַהיים געשיקט פון דער אַרבעט?

איז דער תירוץ גאָר פּשוט: איינער וואָס וויל קומען אַרבעטן אין באַנק, דאַרף וויסן און קענען דעם הויפּט-יסוד, צו פאַרשטיין אין געלט-זאַכן, ווייל דאָרט איז דאָך דאָס אָרט וואו מ'האַנדלט מיט געלט. דעריבער, אויב ער איז גוט באַקאַנט מיט די געלט-זאַכן, קען מען נאָך דערליידן זיינע אַנדערע חסרונות, אָבער איינער וואָס עס פעלט אים דער 'יסוד' פון קענטעניש וואָס מ'דאַרף טוהן אין אַ באַנק, איז אפילו אויב ער פירט זיך אויף איידל און פיין, אָבער אין דער באַנק קען ער נישט אַרבעטן...

דער נמשל איז, **דער הויפּט-יסוד פאַר'ן קיום פון דער וועלט איז, אַז דער מענטש זאָל זיין אַ בעל חסד און האָבן גוטע מידות**, אַזוי ווי דער פסוק זאָגט (תהלים פט, ג) 'עולם חסד יבנה'. דעריבער, אויב ער האָט גוטע מידות, קען מען נאָך דערליידן זיינע אַנדערע חסרונות, מה שאין כן אויב עס פעלט דער הויפּט יסוד פון קיום העולם, וואָס דאָס צדקה וחסד און צו האָבן גוטע מידות, וואָס האָט מען פון זיינע אַנדערע מעלות?...

אָט אין דעם באַשטייט דער חילוק צווישן די מענטשן פון סדום ועמורה, און די מענטשן פון נינוה. די מענטשן פון סדום און עמורה זענען געווען שלעכטע און זינדיגע מענטשן, וואָס האָבן נישט געטוהן חסד איינער מיט'ן אַנדערן. אדרבה, זיי האָבן נאָר געטוהן שלעכטס פאַר אַ צווייטן. ממילא, האָט זיי געפעלט אין דעם יסוד פון דער וועלט, און צוליב דעם האָבן זיי נישט געהאַט קיין זכות צו קענען עקזיסטירן אויף דער וועלט. אָבער די מענטשן פון נינוה, כאָטש זיי האָבן זיך פאַרזינדיגט קעגן דעם באַשעפער (זע מפרשים, אָנהייב ספר יונה), ממילא זענען זיי געווען ענליך צו דעם צווייטן באַאַמטן אין דעם משל פון דער באַנק, וואָס עס האָבן אים געפעלט אַסאַך פון די מעלות וואָס אַ מענטש דאַרף האָבן, אָבער נישט אינעם יסוד פון זיין אַרבעט.

דער גאון און פוסק רבי שלמה זלמן אויערבאַך זצ"ל, איז אַמאָל אין אַ רעגנדיגן ווינטערדיגן טאָג, געגאַנגען אויף דער 'הפסגה' גאַס אין דער בית וגן געגנט פון ירושלים. פּלוצלינג האָט אָנגעהויבן גאָר שטאַרק צו רעגענען, און רבי שלמה זלמן האָט געזוכט שוץ פונעם שווערן וועטער. איז אים אַנטקעגן געקומען אַ יונגער בחור, וועלכער האָט ערשט געהאַט אָנגעהויבן לערנען אין ישיבה קטנה, מיט אַ שירם אין האַנט. ער האָט געעפענט דעם שירם, ווי איינער זאָגט, ער וויל 'שיצן' דעם רב פונעם רעגן, און דער רב זאָל אַריינקומען אונטער דעם שירם. דער פּראָבלעם איז אָבער געווען, אַז דער שירם איז געווען לויט דער מאָס פון אַ דרייצן-יעריגן בחור'ל, קליין און שמאָל, אַזוי אַז רבי שלמה זלמן האָט זיך געדאַרפט אַראָפּבייגן כדי ער זאָל קענען אַריינשטעקן דעם קאָפּ אונטער דעם שירם. זיין גאַנצער קערפּער מיט די מלבושים זענען געוואָרן אַדורכגעווייקט פון די רעגן-וואַסער, וואָס זענען אַראָפּגעקומען פונדרויסן פונעם שירם.

בשעת מעשה, איז דאָרט אַדורכגעפאָרן אַ איד מיט אַ גרויסן קאַר, און זעענדיג ווי דער פוסק רבי שלמה זלמן ווערט אַדורכגעווייקט פונעם רעגן, האָט ער אים איינגעלאַדן אַריינצוקומען אין זיין קאַר, און ער וועט אים שוין צופירן וואו ער וויל גיין. רבי שלמה זלמן האָט זיך אָבער אָפּגעזאָגט דערפון, זאָגנדיג, איך גיי דאָך שוין מיט דעם בחור...

למעשה, איז רבי שלמה זלמן אָנגעקומען אין דער ישיבה 'קול תורה' (וואָס איז געשטאַנען אונטער זיין נשיאות, און וואו ער איז אויך געווען דער ראש ישיבה), אַן אַדורכגעווייקטער פונעם רעגן. ווען די בני הישיבה האָבן אים שפּעטער געפרעגט

פאַרוואָס ער האָט זיך נישט געוואָלט אַריינזעצן אינעם קאַר, האָט רבי שלמה זלמן געענטפערט:

- איך האָב געזען די הנאה פון דעם יונגען בחור פון דעם וואָס ער קען מיר העלפן, ער האָט זיך געשפּירט גוט אַז ער איז אַ 'בר הכי', **איך האָב נישט געקענט אָוועקנעמען פון אים זיין גוטן געפיל...**

לערנען מיר פון דער מעשה אַ גרויסן יסוד, אַז אויך אַ קליין קינד, אָדער אַ יונג בחור'ל, איז אַ 'מענטש', וואָס מ'דאַרף זיך רעכענען מיט זיינע הרגשים, און מ'טאָר אַוודאי נישט אָוועקנעמען פון אים זיינע הנאות... אָפט מאָל טוען מענטשן זיך רעכענען מיט די געפילן פון אַ צווייטן, אָבער זיי פאַרשטייען נישט אַז **אויך אַ קליין קינד אָדער יונגער בחור'ל איז אַ 'מענטש', און מ'דאַרף צולייגן אויפמערקזאַמקייט צו זיינע געפילן.**

**מן הבאר**

הרה"ק בעל 'אהבת שלום' זי"ע טייטשט (הג"ה, פ' קדושים), די ווערטער וואָס מיר זאָגן ביים דאַווענען (ברכת 'יוצר אור') **'המאיר לארץ ולדרים עליה'** - ווען טוט דער אויבערשטער מאַכן שיינען די וועלט, ווען די מענטשן וואָס געפינען זיך אין איר, פירן זיך **'ברחמים'** - מיט רחמנות איינער צום אַנדערן...

אַמאָל גייענדיג אויפ'ן גאַס, האָט דער גאון רבי יחזקאל אַבראַמסקי זצ"ל, מחבר פון 'חזון יחזקאל', באַמערקט אַ קליין מיידל שטיין אין אַ זייט און וויינט יאָמערליך. איז ער צוגעגאַנגען צו איר און איר געפרעגט פאַרוואָס זי וויינט אַזוי. האָט דאָס קינד געענטפערט, אַז איר חבר'טע האָט איר פאַרשעמט זאָגנדיג צו איר אַז דאָס קלייד וואָס זי טראָגט, איז נישט שיין... האָט רבי יחזקאל אַבראַמסקי אָנגעטוהן זיינע ברילן, און זיך געמאַכט ווי ער קוקט אויף איר, און דאַן האָט ער זיך אָנגערופן צו איר:

- גיי שנעל אַהיים צו דיין מאַמע, און זאָג איר אין מיין נאמען, אַז דיין קלייד איז גאָר שיין...

דאָס מיידל איז געוואָרן אויפגעלייגט און פרייליך, און זי איז שנעל אַהיימגעלאָפן דערציילן פאַר איר מאמע וואָס דער רב האָט איר געזאָגט... שפּעטער, האָט הרב אַבראַמסקי געזאָגט פאַר זיינע נאָענטע:

- ברוך השם, איך האָב זוכה געווען זיך אָנצוקלעבן אין די מידות פון דעם אויבערשטען [ווי חז"ל זאָגן (סוטה יד.) 'הדבק במידותיו']. פּונקט אַזוי ווי דער אויבערשטער מעקט אָפּ די טרערן פון די פנימ'ער פון מענטשן (זע ישעיה כה, ח, 'ומחה ה' אלוקים דמעה מעל כל פנים'), אַזוי דאַרפן מיר זען אָפּצומעקן די טרערן פון אידישע פנימער...

דער וויזשניצער רבי, הרה"ק בעל 'דמשק אליעזר' זי"ע, איז אַמאָל געגאַנגען אין באַגלייטונג פונעם גבאי אויפ'ן גאַס, און זיי זענען פאַרביי געגאַנגען פאַר אַ געשעפט וואו מ'האָט פאַרקויפט זייגערס. ווען זיי זענען שוין געווען אַביסל ווייטער האָט דער 'דמשק אליעזר' געזאָגט פאַר דעם משמש, אַז ער וויל צוריקגיין אַהין און אַריינגיין אינעם זייגער-געשעפט. אַריינקומענדיג אינעם געשעפט, האָט דער 'דמשק' געזאָגט פאַר דעם 'סעילסמאַן', אַז ער דאַרף האָבן דעם בעסטן און שענסטן זייגער וואָס ער האָט אין באַזיץ, ווייל ער וויל עס קויפן פאַר דער רעביצין...

דער 'סעילסמאַן' האָט געוויזן פאַר'ן 'דמשק אליעזר' עטליכע זייגערס, אָבער אויף אַלע פון זיי האָט דער 'דמשק' געזאָגט, נישט דאָס זוך איך... ברענג נאָך שענערע זייגערס. אַזוי האָט זיך דאָס איבערגע'חזר'ט עטליכע מאָל, ווען דער 'דמשק אליעזר' האָט געזאָגט, אַז די רעביצין איז אַ גרויסער 'מבין' אויף זייגערס, ממילא, דאַרף איך האָבן פאַר איר דעם שענסטן זייגער...

צום סוף האָט דער 'דמשק אליעזר' אים געזאָגט, ער זאָל אַריינרופן זיין פרוי, אפשר וועט זי קענען זאָגן 'מבינות' וועלכער זייגער איז אַממערסטן צוגעפּאַסט פאַר זיין רעביצין... וכך הוה, איין זייגער וואָס די פרוי פונעם 'סעילסמאַן' האָט פאָרגעשלאָגן פאַר'ן רבי'ן צו קויפן, איז אים 'געפעלן', ער האָט געבאָרגט געלט פון דעם משמש, און באַצאָלט פאַר'ן זייגער, פאַרלאָזנדיג דערנאָך דאָס געשעפט מיט'ן זייגער אין האַנט...

אַהיימגייענדיג, האָט דער גבאי, ערשטוינט פון דער גאַנצער מעשה וואָס האָט זיך דאָ אָפּגעשפּילט, אויסגעדריקט זיין פאַרוואונדערונג פאַר'ן 'דמשק אליעזר', איר זענט דאָך אַ רבי, פאַרוואָס האָט איר זיך אַזוי אַראָפּגעלאָזט צו אים, און דערצו נאָך, געהייסן אים אַריינרופן זיין פרוי צו זאָגן מבינות... האָט דער 'דמשק אליעזר' אים געענטפערט:

- דו ווייסט דאָך אַוודאי וועגן דעם גרויסן ענין פון אַריינברענגען שלום בין איש לאשתו, צווישן מאַן און פרוי. פריער, ווען מיר זענען פאַרביי געגאַנגען דעם געשעפט, האָב איך געהערט ווי דער פאַרקויפער פון די זייגערס שרייט אויף זיין פרוי אַז זי מאַכט אים קאַליע אַלע זייגערס, און מיט איר אומבאַקאַנטשאַפט מיט זייגערס, פאַרטרייבט

דעמאָלס נאָך געווען פאַר מתן תורה, ווייל זיי האָבן זיך פאַר'מיאוס'ט אין דער מצוה פון צדקה, און האָבן זיך נישט אומגעקוקט אויף זייערע אָרימעלייט און אויף אַנדערע מענטשן וואָס האָבן געליטן פון הונגער רח"ל.

**ער** שרייבט, אַז די מענטשן פון סדום זענען געווען 'אכזרים בתכלית', און כאָטש די תורה איז נאָך דעמאָלס נישט געגעבן געוואָרן, איז אָבער די מצוה פון צדקה איז אַ 'מצוה שכלית' - אַ זאַך וואָס דער מענטש דאַרף אַליין פאַרשטיין מיט'ן שכל עס צו טוהן, און עס איז אַ מיאוס'ע זאַך אַז אַ מענטש זאָל זען ווי אַ צווייטער מענטש ליידט פון הונגער און ער אַליין איז רייך און זאַט פון אַלעם גוטן, און ער דערבאַרימט זיך נישט אויף אים צו האַלטן אים ביים לעבן. צוליב דעם האָט דער אויבערשטער פאַרלענדט די מענטשן פון סדום, וואָס האָבן זיך צוריקגעהאַלטן פון טוהן צדקה און חסד, און ער האָט זיך אָנגענומען פאַר די אָרימעלייט.

**מיר** האָפן און זענען מתפלל, מי שענה לאברהם וליצחק בנו הוא יעננו ביום קראנו, און מיר זאָלן אַלע געהאָלפן ווערן מיט רפואות און ישועות לנו ולכל ישראל, אמן.

---

זי אַלע פּאָטענציעלע קונים פון געשעפט, ווייל זי פאַרשטייט בכלל נישט צו קיין זייגערס און זייער שיינקייט. דעריבער בין איך צוריקגעגאַנגען אַהין, און כ'בין אַריינגעקומען אין געשעפט, מיט'ן ציל צו ווייזן פאַר דעם אויפגערעגטן מאַן אַז **איך פאַרלאָז זיך אינגאַנצן נישט אויף זיין 'מבינות' איבער זייגערס, נאָר אויף איר ערפאַרונג...** אַזוי וועט ער זיך באַרואיגן, און עס וועט ווייטער קענען הערשן שלום ושלוה צווישן זיי.

אַמאָל גייענדיג אויף דער גאַס, האָט דער גאון בעל 'חפץ חיים' זי"ע באַמערקט ווי עס ליגט אויף דער ערד אַ בלעטל וואָס האָט אויסגעזען ווי 'שמות'. דער 'חפץ חיים' האָט זיך אַראָפּגעבויגן צו דער ערד, מיט'ן ציל אויפצוהייבן דאָס צעטל און עס באַהאַלטן מיט אַנדערע 'שמות'. ווען ער האָט אויפגעהויבן דאָס צעטל, האָט ער אָבער באַמערקט אַז דאָרט שטייען נאָר געשריבן וועלטליכע זאַכן, נישט קיין דברים שבקדושה, אָבער פונדעסטוועגן, האָט ער אַריינגעלייגט דאָס צעטל אין זיין בוזעם-טאַש. האָט דער באַגלייטער געפרעגט דעם 'חפץ חיים', פאַרוואָס ער האָט נישט צוריק אַראָפּגעלייגט דאָס צעטל אויף דער ערד. האָט דער 'חפץ חיים' אים געענטפערט:

- **כ'האָב נישט געוואָלט אַז נאָך אַ איד זאָל זיך דאַרפן מטריח זיין און זיך אַראָפּבייגן אַזוי ווי איך**, מיינענדיג אַז עס איז 'שמות', און ווען ער וועט זען אַז עס איז נישט קיין 'שמות', וועט ער עס צוריק אַראָפּוואַרפן אויף דער ערד, און אַזוי וועלן אויך טוהן אַנדערע אידן וואָס וועלן עס אויפהייבן, האָב איך זיי אַלע געוואָלט שפּאָרן די טירחא און דעם צער...

# באו בצל קוראתי

נאָך דער צווייטער וועלט מלחמה, האָט דער גאון בעל 'חזון איש' זי"ע אמאל דעציילט א מעשה, צו דעם גאון רבי יאַנקעלע גאַלינסקי זצ"ל, פון וועלכע מיר קענען ארויסנעמען א געוואלדיגע חיזוק: אין זיין געבורטשטאָט קאָוונע, איז אַמאָל פאָרגעקומען אַ דין תורה צווישן צוויי אידן. אַ איד האָט פון צייט צו צייט געבאָרגט געלט ביי זיינע גוטע פריינט פאַר'ן מאַרק-טאָג. מיט'ן געלט פון די הלוואה, פלעגט ער קויפן סחורה אויפ'ן יריד פאַר אַ ביליגן פרייז, און דערנאָך פלעגט ער עס פאַרקויפן פאַר אַ העכערן פרייז. פון די פאַרדינסטן, האָט ער געהאַט קוים אביסל פרנסה.

אַמאָל האָט דער איד זיך נישט גוט געשפּירט און ער האָט געשיקט זיין פרוי צו באָרגן דאָס געלט, און גיין צום יריד קויפן און פאַרקויפן די סחורה. זי האָט טאַקע באַקומען אַ הלוואה, אָבער גייענדיג אויפ'ן וועג צום מאַרק, האָט זי פאַרלוירן דעם בייטל מיט'ן געלט. זי האָט 'איבערגעדרייט' דעם מאַרק, פרעגנדיג מענטשן ביים מאַרק אויב זיי האָבן אפשר געטראָפן אַ בייטל מיט געלט. ענדליך האָט אַ איד איר געזאָגט אַז ער האָט געפונען דאָס געלט, אָבער ער וויל עס איר נישט אומקערן, ווייל עס ווערט דאָך גע'פסק'ענט אין שולחן ערוך (חו"מ סי' רסב, סי"א), אַז 'המוצא מעות מפוזרים הרי אלו שלו'. ווען איינער געפינט געלט אויסגעשפּרייט אויף דער גאַס, איז עס זיינס, און ער איז נישט מחויב עס צוריקצוגעבן צום בעה"ב, ווייל דער בעה"ב האָט אין אַזאַ פאַל זיך מייאש געווען פונעם געלט, ווייבאַלד עס האָט נישט קיין סימן. (דער איד וואָס האָט געפונען דאָס געלט, האָט גע'טענה'ט אַז ער איז אינעם גדר פון אַן 'אונס', ווייבאַלד ער נויטיגט זיך זייער שטאַרק אינעם געלט, ממילא, וויל ער זיך פירן לויט'ן דין, און ער קען נישט צוריקגעבן דאָס געלט 'לפנים משורת הדין'.)

אינגאנצן פארווייטאָגט, האָט די פרוי גערופן יענעם איד צו אַ דין תורה פאַר דעם קאָוונער רב, הגאון רבי יצחק אלחנן ספּעקטאָר זצ"ל. אין דעם טאָג פון דער דין תורה, האָט די פרוי געשילדערט מיט טרערן אין די אויגן פאַר'ן רב ווי זי האָט פאַרלוירן דאָס געלט גייענדיג צום יריד. דער בעל דין האָט אָבער גע'טענה'ט, אַז ער האָט טאַקע געפונען דאָס געלט, אָבער ער וויל עס נישט צוריקגעבן צו איר, ווייל לויט די הלכה, איז דאָס געלט זיינס. נאָכ'ן אויסהערן די טענות פוןביידע צדדים, האָט רבי יצחק אלחנן

גע'פסק'ענט אַז ער איז מחויב איר צוריקצוגעבן די אבידה, ווייל ריכטיג טאַקע אַז על פי הלכה איז דאָס געלט זיינס ווייל דער בעה"ב איז זיך מייאש פונעם געלט וויבאַלד עס האָט נישט קיין סימן, אָבער די פרוי איז דאָך נישט דער 'בעה"ב' אויפ'ן געלט, נאָר איר מאַן, און מיר דאַרפן האָבן זיין יאוש... און ער האָט דאָך אינגאַנצן נישט געוואוסט פון די אבידה (ווען יענער האָט עס געפונען), קומט אויס, אַז מצד הדין דאַרף ער איר צוריקגעבן דאָס געלט.

האָט דער 'חזון איש' געזען אַרויסגעלערנט פון דעם פסק פון רבי יצחק אלחנן, א שטארקע יסוד אין לעבן: **אַ איד טאָר זיך נישט מייאש זיין, ווייל אַלעס וואָס ער האָט, איז דאָך נישט זיינס, נאָר דעם אויבערשטען'ס, און ממילא, איז ער נישט דער 'בּאַלעבאָס' צו קענען זיך מייאש זיין. זיין יאוש איז גאָרנישט ווערד, ער דאַרף זיך נאָר שטאַרקן און קיינמאָל נישט ווערן געפאַלן ביי זיך.**